NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13160

DI KINIGIN ANASTALON

Ernest Thompson Seton

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

№ 10. ערנעסט טאמפסאן סעטאן.

דאס לעבן פון די חיות

.IV

קיניגן אנאסטאלאן

(א געשיכטע פון א קאץ)

איבערזעצט דורך ס. קאנטאר

ארויסגעגעבן לויט דעם אויפטראג פון דער צענטראלער שול-ארגאניזאציע פון פוילן, ליטע און ווייסרוסלאנד אונטער דער רעדאקציע

פון יעקב פאט

פארלאג דאס בוך ביאליסטאק

ביאליסטאק 1920.

דרוק ס. פרושאנסקי, ביאליסטאק.

ערנעסט־טאמפסאן סעטאן.

די קיניגין
אנאסטאלאן.

(אַ געשיכטע פון א קאן)

איבערגעזעצט
— דורך —
סאָניע קאַנטאר

פארלאג
„דאָס בוך“
ביאליסטאק.

דרוקערײ מ. ב. מירסקי, ביאליסטאק

אַרויסגעגעבן לויט דעם אויפטראג פון דער צענטראלער שול-אָרגאַניזאַציע פאר פוילן, ליטע און ווייסרוסלאנד אונטער דער רעדאקציע פון יעקב פאט.

די קיניגין אנאסטאלאַן

(אַ געשיכטע פון אַ קאַץ.)

.1

—„ליעבער! מילין!״—האָט זיך פלוצלונג דערהערט אין אַ שיינעם פרימאָרגן איין איינער פון די ניו־יאָרקער גאַסן אין אַמעריקע.

דאָס איז געווען די שטימע פון לאַ[illegible]. באלד האָבן זיך באַוויזן פון אַלע היזער פאַרשיידענע [illegible] האָבן זיך צו דעם צוגעהערט און צוגעקוקט גאַנץ גלייכגי[illegible]ק.

—„מילין! ליעבער!״—האָט זיך געהערט וואָס־אַמאָל נעענטער און העכער. באלד האָט זיך [illegible] אַ קל[illegible] מענשעלע. ער האָט געשלעפּט אַ וועגעלע. נאָך אים זיינען געלאָפן אַ פּאָר טוץ קעץ, וועלכע האָבן פריילאַך געמיאַוטשעט ביי יעדן אויסרוף פון דעם מענשן. ענדלאַך, ווען ס'האָט זיך פאַרזאַמלט אַ גרויסער עולם קעץ, האָט זיך דאָס [illegible] אָפּגעשטעלט. דער מענש האָט אַרויסגענומען פון [illegible] לאַנגן שטאַנגן, איף וועלכן עס

ווינען געהאנגען שטיקער שמעקעדיקע געקאכטע לעבער; ער האט זיי אראפגעשלעפט שטיקווייז פון שטעקן און האט זיי געטיילט די קעץ. יעדער קאץ האט געכאפט איר שטיקל, און איז שנעל אנטלאפן אין עפעס א ווינקעלע, וואו זי זאל קענען רואיק אפעסן איר חלק.

— „מיליו! לעבער!“ — האט געקלונגען איבעראל און א נייער עולם קעץ איז זיך ווידער צונויפגעלאפן. דער לאמער פייוול האט זיי גוט געקענט:

— אט דער ברוינער „טיגער“ — דאס איז יונה דעם סוחרס. אט דער „שווארצער“ — איז בערל דעם שניידערס, יענער „ווייסער“ — איז דער בעקערקעס. אזוי האט געשמועסט דער לאמער פייוול.

אלע באלעבאטים פון קעץ האבן פייוולען ריכטיק געצאלט, נים אלע אבער גלייך. דערפאר האבן די קעץ געקריגן אויך פארשידענע חלקים. אזוי למשל, האט יונה סוחר געצאלט פאר זיין „טיגער“ אויס פערציק גראשן א וואך און זיין קאץ האט געהאט די בעסטע און גרעסטע ביסנס; דער „גרויאינקער“ האט געקריגן נאר קליינע שטיקלאך, ווייל זיין באלעבאס האט געצאלט נאר צוואנציק גראשן. די „ווייסע“ פלעגט נאך איבער דער געוויינלאכער פארציע קריגן א פעטע שטיקעלע, ווייל די בעקערקע פלעגט שטענדיק מכבד זיין דעם לאמען מיט אן אויסערגעוויינלאכער מתנה; די „שווארצע“ איז אויך געווען נים באהאנדלט,

בערל האט מאקי קיין פריטה נישט געצאלט, ער איז אבער גע-
ווען פײַוולס פרײַנד.

צוזאמען מיט אלע אנדערע איז אויך צוגעלאפן א שווארץ קעצעלע מיט א ווײַס נעזעלע, באלד אבער ווי פײַוול האט זי באמערקט, האט ער זי אומרחמנותדיק אפגעטריבן פון ייִנגעלע.

די שווארצינקע איז ערשטוינט געווארן. וואס איז דא גע-שען? זי קריגט שוין פֿײַ א האלב-יאר טעגלאך איר ביסן, האט זי דען דער לאמער פײַוול נישט דערקענט? א ניין, ער האט געוואוסט, וואס ער טוט! שוין צוויי וואכן, ווי די שטשערקע האט איינגעהערט פאר איר צו צאלן, פײַוול האט קיין בוכהאל-טעריע נישט געפירט, אלין האט ער פארשריבן אין זײַן קאפ, וואס האט איר נאך קיינמאל נישט ארײַנגעבראכט אין קיין מציה.

ס'וואלט שווער געווען צו באשרײַבן די אלע קעץ, ווײַל אין פארלויף פון דעם טאג האבן זיך פארבײַגעדרייט לעבן ווענעלע א פירהונדערט קעץ, איבער די קעץ, וואס זײַנען ארײַן אין פײַוולס צעטל, זײַנען נאך געווען אינגאנצן פרעמדע קעץ, וואס זײַנען געשטאנען פון ווײַטנס, צוגעצויגן פון געשמאקן ריח און האבן געווארט אויף א גליקלאכן צופאל.

פון דעם גאנצן עולם קעץ, האט זיך געווארפן אין די אויגן, קודם-כל, א קליינע שלאנקע גרויע קעצעלע, וועלכע האט, ווי ס'ווײַזט אויס, נישט געהאט קיין באלעבאס. ס'איז קענטיק געווען פון איר אײַנגעפאלענע זײַטן, אז זי האט געלעבט פון אייגענער

טי און אז הונגער איז געווען איר געטרייער חבר. פון איר שמוציקן פעלצל האט מען לייכט געקענט פארשטיין, אז זי פלעגט ניט איינמאל אריינשטעקן אין מיסטקאסטן.

זי איז ארויסגעלאפן באשיידן פון איר באהעלטעניש, האט זיך אפגעשטעלט צווישן אירע עלעגאנטנע חברים, און ארומקוקנדיק זיך יעדע ווילע אויף זיי הינט, האט זי געווארפן דורשטיקע בליקן אויפן ווענעלע מיט מילך און לעבער. מיט התמדה האט זי נאכגעקוקט יענע מולדיקע, וועלכע זיינען אוועק פון ווענעלע מיט גלאנצנדיקע אויגן און מיט א פעטן חלק אין מויל — פון דעם אבער האט זי ווייניק גענאסן. ביז עס איז פלוצלונג געשען עפעס אומגעריכטס. א גרויסער שווארצער קאטער איז באפאלן די מולדיקע קאץ. די באפאלענע האט זיך דערשראקן און אנטלויפנדיק האט זי פארלארן איר שטיקל לעבער. איידער דער שווארצער קאטער האט זיך אומגעקוקט, האט אונזער הונגעריקע קעצל געכאפט דאס ביסל.

א גליקלאכע האט זי זיך אפגערוקט אין א זויבערן ווינקעלע, האט זיך דורכגעגליטשט אונטער א טויער, איז ארויס אויף א הויף, וועלכער איז געווען ארומגערינגלט מיט א מויער, און באהאלטנדיק זיך דא אין דעם טונקלסטן ארט, האט זי אויפגענאשט די שטיק לעבער, האט זיך אפגעלעקט דאס בערדל צופרידן און גליקלאך. נאכדעם האט זי איבערגעשפרונגען אויפן צווייטן זייט פון הויף, וואו זי האט איבערגעלאזן אויפן

דעק פון אן אלטע קאסטן הרב קליינע קעצעלאך. נאך פון ווייטנס האט זי דערהערט א רחמנותדיקע מיאוטשען. שנעל איז זי צו־געלאפן צום קאסטן—און איז פארשטיינערט געווארן פון צער. אין איר היים האט זיך באלעבאטעוועט דער ריזיקער שווארצער קאטער און האט גאנץ רואיק געפרעסן איר צווייטע קעצעלע, פונקט ווי ס'וואלט זיין א מיז. דער קאטער איז געווען צוויי מאל אזוי גרויס ווי די קליינע מאמע, זי האט זיך אבער אין איין אויגנבליק פארצווייפלט געווארפן אויף אים. דער גזלן האט געמאכט פליטה, ווי שנעל ער האט געקענט, און די ארימע מאמע האט זיך אוועקגעלייגט לעבן דעם איבערגעבליבענעם בן־יחיד, און האט אים אנגעהויבן צו לעקן.

דאס איז געווען א בלינד פיצעלע, זייער געראטן צו דער מאמען, נאר לעבעדיקער באפארבט—א גרייעמיט שווארצע רעדעלאך מיט א ווייסער לאטע אויפן נאז, אויערן און אויפן עק.

נאך דעם שרעקלאכן ציפאל האט די קאץ א פאר טעג נישט פארלאזט איר בן־יחיד, געזארגט פאר אים מיט גרויס ליבע און די געפילן, וועלכע זי פלעגט ביז איצט טיילן אויף דרייען, האט זי אויסשליסלאך איבערגעגאסן אויף דעם געבליבענעם. זי פלעגט מער נישט ארויסלויפן אויפן גאס. דעם אמת זאגנדיק, האט זי קיינמאל קיין גרויסן מזל ביי דעם לאטען פיוול נישט געהאט. דעם הונגער האט זי געשטילט אין די מיסטקאסטנס, וואס זיינען נישט

ווייט געשטאנען און אין די עמערס מיט שמוציקע וואסער, וועלכע די קעכנס פלעגן ארויסשטעלן. דארט פלעגט זי אפט געפינען שטיקלאך פארפוילטע פלייש, און אויב זי האט עס ניט געפונען, האבן ניט געפעלט קיין רעשטלאך פון אנדערע מינים שפייז אדער נאר פון קארטאפל־שאלאכץ.

אזוי זיינען אוועק א פאר טעג. דאס קליין קעצעלע האט אנגעהויבן פרייליך צו שפרינגען אין קאסטן, און די מאמע האט זיך געמוזט גוט אנלויפן, איר זאל קלעקן מילך פאר'ן קליין פרעסערל.

אמאל אין אוונט, דרייענדיק זיך ארום מויער פון הויז, הינטער וועלכן ס'האט זיך פאנאנדערגעשפרייט א שיינער ים, האט דאס קעצל דערפילט עפעס אן אנגענעמען גערוך, פון דעם נאנטן פארט.

— „יעדער נייעס גערוך דארף מען דורכפארשן" — האט זי געטראכט, און הגם ער איז אזוי ניי ניט געווען, האט ער דאך צו זיך געצויגן און אונזער קאץ איז גלייך אוועק ביז צום פארט. זי איז געגאנגען דורך אן אפענער וועג, פון אירע שונאים די הינט האט איר געשיצט בלויז די פינסטערניש פון דער נאכט. זי איז שוין געווען נאנט פון ארט, פון וואנען ס'האט זיך געטראגן דער ריח, פלוצלונג האט זי דערהערט א שארך און דערשפירט א שווערן אטעם, וואס האט זי נאכגעיאגט; — זי האט זיך אויסגעדרייט און דערזען איר אלטן פיינט — דעם גרויסן האפן־הונט.

געווען איז זי אויפן ברעג פון ים, אנטקעגנאיבער דעם פישער־שיף. פון דארטן האט זיך געטראגן דער גערוך. יעט לאנג קלערנדיק, האט זי געטאן א שפרונג און אין א ווײַלע ארום איז זי שוין געווען אין שיף. דא האט שוין דער הונט נישט געקענט זי אנכאפן. זי האט זיך באהאלטן אין ווינקעלע אונטער א באנק און ווען דאס פישער־שיף איז צומארגנס אפגעשוואומען פון ברעג, איז אונזער קאץ מיטגעשוואומען, ווי אן אומבא־מערקטער אומזיכטער פאסאזשיר, אויף אזא אופן איז זי אוועק אויף שטענדיק פון איר אלטער היים.

II.

אומזיסט האט דאס קעצעלע געווארט אויף איר מאמען. ס'איז פארבײַ א טאג מיט א נאכט. דער הונגער האט געקוועלט—און דאס פיצעלס האט נישט געוואוסט, וואס צו טאן

הונגער איז א גוטער לערער, ער האט אייך אויסגעלערנט דער קלײנער יתומהלע זיך אן עצה צו געבן, ווי אזוי צו לעבן און נישט אומצוקומען.

קודם כל, האָט עס אַרויפֿגעקלעטערט אויפֿן ברעג פֿון קאַסטן, האָט אַרויסגעקוקט אין דער וועלט, און האָט געשנאַפּט, באַוועגנדיק מיטן נעזל. דערנאָך איז עס פֿאַרזיכטיק אַרויפֿגע־שפּרונגען אויפֿן שבנותדיקן טישטקאַסטן און האָט געזוכט, אָבער ס'האָט גאָר ניט געקענט געפֿינען צום עסן. איז עס ווייטער געגאַנגען, ניט אויפֿהערנדיק צו שנאַפּן איבערן גאַנצן וועג. ענדלאַך איז דאָס קעצל אַרויפֿגעקראָכן אויף הילצערנע שטיגעלאַך, וואָס האָבן געפֿירט צום געוועלב פֿון פֿויגל־פֿאַרקויפֿער דושאַפּ מאַליע. די טיר פֿון געוועלב איז געווען עטוואָס אָפֿן — דאָס קעצעלע איז אַריין און איז געבליבן שטיין, איבערראַשט פֿון דער נייער אומבאַקאַנטער וועלט, וואָס איז באַשטאַנען פֿון פֿיל באַשעפֿענישן. אַלין האָט זיך באַוועגט און שטיינעלאַך און האָט פֿאַרשיידנאַרטיק געפּיפּט, געזונגען, געצווויטשערט און גע־פּישטשעט

אין ווינקל אויף אַ קאַסטן איז געזעסן אַ נעגער, דער דינער פֿון געוועלב־באַלעבאָס. דערזעענדיק דעם קליינעם גאַסט, האָט ער אַ שמייכל געטאָן און האָט געקוקט נייגעריק, וואָס דאָס קעצל וועט טאָן. דאָס קעצל איז פֿאַרבייגעגאַנגען נעבן דער שטייג מיט קינגלאַך. נאָכדעם האָט עס זיך אָפּגע־שטעלט בײַ דעם שטייג מיט אַ פֿוקס און דערפֿילנדיק אַ גע־שמאַקן געדויך, האָט עס אַרײַנגעשטעקט דאָס נעזל צווישן די גראַטעס. באַלד בײַ דער גראַטע איז געשטאַנען אַ שיסל מיט

עסן—אהין האבן זיך געווענדעט די אייגעלאך פון דער קעצעלע. פלוצלונג האט דער פוקס זיך באוועגט און איז געגאנגען מיט אן אפן מויל גלייך אויפן אומדערוואַרטן גאסט.

—מיאו,—מיאו—האט דאס קעצל אויסגעקוויטשעט מיט שרעק—און דאס קעצל, וואָלט געווים אומגעקומען אין די ציין פון פוקס, ווען ניט דער נעגער. ער איז אין איין אויגנבליק צוגעלאָפן צום גאסט און האט א שאָט געטאן א הייפּל זאמד אין די אויגן פון פוקס. דער פוקס האט גלייך אפגעלאזט דער קעצעלע, און האט זיך באהאלטן אין א ווינקל פון שטייג, פון וואנען ער האט געקוקט אויף דעם ניט געלונגענעם פאַנג מיט אויגן פול צאָרן און שרעק.

דערווייל האט דער נעגער ארויסגעשלעפּט דאס איבער־געשראקענע קעצעלע פון שטייג. דאס קעצל נעבאך איז געווען אזוי צושעדיקט, אז עס האט זיך קוים געהאלטן אויף די פיס. דער נעגער האט עס גענומען אויפן האַלז, און אייקוועצנדיק צו זיך אויפן [illegible], האט ער עס געגלעט און געצערטלט, ביז עס איז געקומען צו זיך און אנגעהויבן פריילאך צו מורמשען אויף די קני פון איר נייעם באשיצער.

גראד איז אנגעקומען הער דושאפ מאלי. דאס איז געווען א הויכער מאן מיט שמאלע אויגן, וועלכע האבן אים געמאכט ענלאך צו א יאפּאנער. דערפאר האט מען אים געגעבן א צונאמען „דושאפ". נאר אייגנטלאך איז ער געווען אן איינגלענדער.

זיין הויפטבאשעפטיגונג איז געווען דער מסחר מיט פויגל און זויג־חיות און זיין הויפטגעדאנק—צו פארדינען וואס מער געלט. ווען ער איז אריין אין געוועלב און האט דערזען דאס אויס־געהונגערטע קעצעלע אויף דעם נעגערס קנין, האט עס אים ניט איבעריק געשמעקט, ווייל ער האט זיך, נאטירלאך, דערשראקן פאר זיינע פויגל.

דער נעגער האט אליין געגעבן דעם פארבלאנדזשעטן און צושעדיקטן קעצעלע מילך און האט איר אנגעקארמעט ביז צו זאטן ניט ווילנדיק אבער דערגוזענען זיין באלעבאס, האט ער, אין א פאר טעג ארום, ווי נאר דאס קעצל האט זיך געקענט שטעלן אויף די פיס, עס ארויסגעטראגן אין אן אנדער הויז און האט איר ארויסגעלאזט אויף א הויף, אויף וועלכן עס איז גאר ניט געווען חוץ א גרויסער מיסטקאסטן מיט אלטע אייזן. אויף לעצטנעלט האט ער געווארפן דער פארלאזענער קעצעלע א פאר שטיקלאך פלייש און איז זיך אוועק.

—

III

די פּאר טעג גוטע קעסט ביים נייעם האבן פארענדערט אונזער קליין קעצעלע — ס'האט באקומען מער כח און גלייכ־צייטיק מער שכל. ווען די קעצל איז געבליבן אליין אויפן גרויסן הויף, האט עס זיך נייגעריק אריינגעקוקט צו די קאסטנס מיטן אלטן אייזן האט עס קיין צווייטן ניט געהאט; א קוק געטאן האט עס אין דערהייך. און האט דערזען אין די פענסטער שטייגן מיט קאנאריקעס — דארט האט עס זיך געווענט און געקוקט אין דערהויך מיט דורשטיקע אויגן, פּלוצלונג איז אנגעקומען א הונט. דאס קעצל האט זיך דערשראקן און איז שנעל אנטלאפן — זי האט זיך געפינען א גוטן ארט אונטער איינעם פון די קאסטנס. די זון האט דא ליכטיק געשיינט, די קאץ האט פארמאכט אירע אייגעלאך און צוזאמענגעדרייט אין א קייקעלע, און זי איז א שעה אנטשלאפן געווארן.

א ווארים, שטארקער אטעם איבער איר קאפּ, האט אויפגעוועקט דער קליינער יתומה. זי האט איפגעמאכט אירע אייגעלאך און האט דערזען לעבן זיך א שווארצע קאץ מיט גרינע פונקלדיקע אויגן. פון דעם פירקאנטיקן בערדל און דעם שטארקן נאקן, האט מען געקענט דערקענען, אז דאס איז געווען א קאטער. זיין לינקער אויער איז געווען צעריסן, און לעבן די אויגן האט ער געהאט א ברייטן שראם; דאס זעען, ווי עס

שיינט, געווען סמנים פון א קאמף.

די קליינע קאַץ האָט אָנגעקוקט פאַרוואונדערט דעם ריזיקן שווארצן קאָטער. דער לעצטער האָט גאָר פרײַנדלאך געקוקט אויף־אונזער קעצעלע, ער איז אפילו עטוואָס אפגעטראָטן, גע־דרייט מיטן וויידל, און געמורטשעט גאָר גוטמוטיק. דאָס קעצעלע איז צוגעטראָטן צום קאָטער מיט אן אומשולדיקן פנימל. יענער האָט זיך אפגעווישט זיין בערדל און זיין פיסעלע, האָט זיך אפגעדרייט און איז פאמעלאך אוועק. דאָס קעצל האָט אים נאָכגעקוקט פאַרוואונדערט. זי האָט אפילו קיין האר ניט פאר־שטאנען אז זי איז שוין דעם צווייטן מאָל ניצל געוואָרן פון טויט, וואָס עס האָט איר געדרייט דער שווארצער קאָטער; דער שווארצער גולן האָט זי ניט געטשעפעט, ווייל אונזער קעצעלע איז געווען א „זי” און פאר קעץ פלעגט ער פילן עפעס א דרך־ארץ.

דער אוונט איז צוגעפאלן — אונזער פארלאָזן קעצעלע האָט דערפילט דעם הונגער. ארויסגעשטעלט האָט זי דעם נעזעלע אונטערן ווינט און האָט אריינגעצויגן אין זיך דעם רייחן שטראָם לופט. נאכדעם איז זי געגאנגען אין דער ריכטונג וועלכן ס'האָט איר אָנגעוויזן איר נעזעלע. אזוי האָט זי צוגעקלעטערט ביזן צווייטן עק פון הויף. דאָרט האָט זיך געפונען א מיסטקאסטן מיט רעשטן פארשיידענע מאכלים. אין דעם מיסטקאסטן האָט זי געפונען פאר זיך אביסל שפייז, דערנאך האָט זי זיך אָנגע־

טרונקען מיט וואסער פון-עמער, וואס איז געשטאנען אונטער א רינע אין איז אוועק באווכן דעם הויף פון דער צווייטער זייט.

א גאנצע נאכט האט זי זיך פארנומען מיטן באקענען זיך מיט איר נייע וואינארט און באלד איז זי געווען, ווי ביי זיך. דעם צווייטן טאג האט זי אויך אזוי פארבראכט. אזוי זיינען פארביי טעג און נעכט. איינמאל איז ווידער געקומען דער שווארצער קאטער, און איז גלייך אוועק שפילערהייט, איידער די קעצעלע האט אים באמערקט.

דער עמער מיטן וואסער איז אלעמאל געשטאנען אויף דעם זעלבן הויף, דער מיסטקאסטן אבער איז נישט אלע טאג געווען גאסט-פריינדלאך, אמאל האט די ארימע קאן נאר נישט געקענט געפינען, און נישט איינמאל פלעגט זי דריי טעג נאר נישט עסן. זי איז געזעסן אוועק אין דער ליינג פון פלויט, האט געזען עפעס א שפארנע האט זי זיך אדורכגעגליטשט און איז ארויף אויף א גרויסע אפענע גאס. דאס איז שוין פאר איר געווען גאר א נייע וועלט, איידער אבער זי האט זיך גע-קענט ווי געהעריק אומקוקן, איז אויף איר אנגעפאלן א גרויסער הונט און זי איז קוים קוים אנטלאפן אויף איר הויף דורך די זעלבע שפארונע. זי איז געווען אזוי מיד און הונגעריק אז מיט גרויס מי האט זי צוגעקלעטערט צו דער מיסטקאסטן; דארט האט זי ארויסגעשלעפט א פאר קארטאפל-שאלאכין און געשטילט א ביסל דעם הונגער. פארטאג האט זי ווייטער הונגעריקערהייט

שפאצירט איבערן הויף, ביז איר׳ע אייגן זיינען געפאלן אויף צוויי וואראבייטשיקעס, וואס האבן געהיפט איבערן מיסטקאסטן. ניט איינמאל האט זי אונזער קאץ געזען און האט זי באטראכט פאר גוטע חברים, היינט אבער האבן זי דערוועקט אין איר נאר נייע און אומבאקאנטע געפילן. די וואראבייטשיקעס וואלטן דאך געקענט שטילן איר הונגער! זי האט זיך שטילערהייט בא-האלטן, כדי נענטער צו כאפן — די וואראבייטשיקעס האבן זיך פארשטאנען דער קאצעס כונה און זיינען שנעל ארויפגעפליען אויפן דאך.

ניט איינמאל און ניט צוויי, גאנצע פופצן מאל האט גע-פרובט די קאץ דעם גליק, אלע מאל אבער אומזיסט.

אויפן פינפטן טאג האט דאס קעצעלע ווידער געפרובט אדורכצוגליטשן זיך דורך די שפארע אין פלויט, כדי צו גע-פינען וואס עס איז צום עסן, קיין שום געפאר האט איר ניט געדראט. פליצלונג אבער האבן צוויי שטיפערישע אינגלאך אנגעהויבן צו בווארפן מיט שטיינער דאס אומבאקאנטע קעצעלע. דאס איבערגעשראקענע קעצעלע איז אנטלאפן. נאך איר האט זיך נאכגעיאגט א הונט, בילנדיק שטארק — די קעצעלע האט געגעבן א שפרונג אין א זייט און האט צום גליק געטראפן אויף עפעס אן אייזערנעם פלויט, דורך די גראטעס פון דעם פלויט האט זי זיך אדורכגעגליטשט אין א גערטענדל. דערהערנ-דיק דאס בילן פון הונט האט א פרוי ארויסגעקוקט פון פענסטער

און האט געהייבן אים שווייגן. אין א ווילע ארום האבן די קינדער פון דער פרוי געווארפן דער קאץ א פאר שטיקלאך פלייש, וועלכע זי האט אין איין אויגנבליק געכאפט, און האט זיך מיט דעם באהאלטן אונטער די שטיגן. דא האט זי זיך דערווארט, ביז די נאכט איז צוגעפאלן און אונטער איר שוץ האט זי זיך צוריקגעקערט אויף איר הויף.

אין אזא שטענדיקן קאמף פארן טאג-טעגלאכן ברויט זיינען איר אוועק א צוויי מאנאטן. די קאץ איז אויסגעוואקסן, איז שטארקער געווארן און האט זיך באקאנט מיט דער וועלט, מיט דער גאנצער גאס, זי איז גאר נתפעל געווארן פון די פולע עמערס מיט שמוציקע וואסער, וועלכע מ'האט יעדן פרי-מארגן ארויס-געשטעלט אין דער לענג פון דער גאס. א געוויסע מיינונג האט זי באקומען ווענן די איינוואוינער פון דער גאס. געוואוסט האט זי אז אין דעם גרויסן שכנותדיקן הויז געפינט זיך א לאגער פון פיש און קאנסערוון. אין די פושקעס וועלכע מען ווארפט פון דארט ארויס אין הויף, איז אמאל דא גוטע שפייז.

באלד האט זי פארבונדן די באקאנטשאפט מיטן לאסען פייוול און זיין ייענעלע, און הגם זי האט קיין חן אין זייערע אויגן נישט געהאט, פלעגט איר דאך פון צייט צו צייט ארייןפאלן א חלק. באשעפטיקט א גאנצן טאג נאר מיט איר אייגענער פערזאן, איז זי געווארן אזוי פלינק און געשיקט אין זוכן שפייז, אז טאג-טעגלאך פלעגט זי עפעס נייס געפינען, דאס

וויכטיקסטע איז אָבער געווען די ערפינדונג פון מילך. זי האָט באַמערקט, אַז יעדן טאָג פירט דער פּאַכטער דאָס מילך אין אַ וועגעלע און אָפּשטעלנדיק זיך ביי יעדן הויז, שטעלט ער אַוועק די בלעך אָדער פלעשער אויף די פענסטערבלעך און אונטער די קיכטרעפּ. די כלי מיט מילך פלעגט שטענדיק ציִען די קעצ־צוטריטן דערצו האָבן זיי אָבער ניט געקענט, ווייל די כלי איז געווען פעסט געשלאָסן. אונזער קאַץ האָט אָבער אַזוי לאַנג גע־זוכט, ביז זי האָט געפונען אַ קרוג מיט אַ צעבראָכן דעקל, און אויף אַזאַ אופן האָט זי פריי געקענט אָפּטרינקען אַ קאַפּ מילך. אָך! ס'אַראַ פיין פרישטיק דאָס איז געווען!

און גייענדיק אַזוי אַליין ווייטער, האָט זי זיך אין אַ שיינעם פרימאָרגן געפונען אויף איר אַלטן הויף ביים קראַם מיט פייגעלאַך. גלייך האָט זי דערקענט איר אַלטן גע־בורטסאָרט און האָט באַשלאָסן דאָ צו בלייבן, ווייל דער גרויסער הויף מיטן אייזנוואַרג איז איר ניט געפעלן געוואָרן. באַלד ביים אַריינגאַנג האָט זי זיך געטראָפן מיט אַן אַנדער קאַץ. דערוועקט האָט זיך אין איר אַ געפיל פון עקל און האַס און זי האָט זיך צו־געגרייט צום קאַמף. שוין—שוין האָט זי זיך געכאַפּט אַ וואָרף טאָן אויף איר געגנער, נאָר פּלוצלונג האָט מען אַרויסגעגאָסן אַן עמער מיט וואַסער פון עפּעס אַ פענסטער און די קעץ זיינען זיך צעלאָפן אין איין אויגנבליק. אונזער קעצעלע האָט אַ שפּרונג געטאָן צום מיסטקאַסטן, וואו זי האָט זיך באַהאַלטן אויף זיין

גרונט, דארט וואו זי האט צום ערשטן מאל דערזען דעם שיין פון טאג און וואו ס'איז איר געווען אזוי ווארים ביי דער מאמעס ברוסט.

ווען זי איז צו זיך געקומען, האט זי זיך אומגעקוקט, אלץ איז איר דא באקאנט געווען — באלד אבער האט זי זיך באקאנט מיט נאך עפעס מער — מיט די מייז און שטשורעס פון הויף, וואס האבן באלעבאטעוועט ביינאכט און וואס האבן איצט געשטילט איר הונגער.

אויף אזא אופן האט זי געהאט א געוויבערטן לעבן. אויסערדעם האט זי זיך אין גיכן דערווארבן א פריינד, מיט וועלכן מיר וועלן זיך באלד באקענען.

IV.

די קאץ איז אויסגעוואקסן, זי איז געווארן שיין און האט אויסגעזען ווי א טיגער. שווארצע רעדלאך האבן באפוצט

איר גרויע פעלבל און ווייסע פלעקן—אירע אויערן, נעזל און וואָרל.

זי האָט שוין געהאַט פיל לעבנס־ערפאַרונג. האָט זיך אויסגעלערנט אויסגעצייכנט צו שאַפן עסן. נאָר עס פלעגן זיך טרעפן אפילו נאָך איצט טעג פון הונגער. ניט איינמאָל פלעגט אונזער קאַץ פרובן דעם גליק אויף וואַראָבעטשיקעס, שטענדיק אָבער אָן ערפאָלג. בכלל פלעגן איר די טעג אַוועק גענוג גליקלאַך אָבער וויער איינזאַם. נאָר עס האָט זיך איר געמאַכט עפּעס נייס אין אומבאַקאַנטעס אין איר לעבן.

אין אַ שיינעם תמוז־טאָג האָט זיך די קאַץ געוואַרעמט אויף דער זון, פּלוצלונג האָט זיך אויפן מויער באַוויזן אַ גרויסער שוואַרצער קאָטער. פון זיין צוריסענעם אויער האָט אונזער קעצעלע דערקענט איר אַלטן באַקאַנטן און דערשראָקן האָט זי זיך באַהאַלטן אין קאַסטן. דער קאָטער איז זיך אָבער רואיק פאַרביי געגאַנגען און איז אַרויפגעשפּרונגען אויפן דאַך; מיט אַ מאָל האָט זיך פון דער צווייטער זייט באַוויזן אויפן דאַך אַן אַנדער געלער קאָטער, אַזוי גרויס, ווי דער ערשטער—און אַן גלייך געגאַנגען צום ערשטן. דער שוואַרצער קאָטער איז געבליבן שטיין, האָט אָנגעשפּיצט זיינע האָר און האָט אָנגעהויבן צו מיאַוטשען — — — דער געלער האָט געטאָן דאָס זעלבע באַוועגנדיק ביז מיט זיין וואָדל.

— מיאַו־ו־ו! — מיאַו־ו־ו! — האָט געשריען דער ערשטער.



ניט מער ווי דריי צאָל האבן אָפּגעטיילט די נעגער פֿון די געגנער

— וואו־ו־ו!—וואו־ו־ו! האט אים געענטפערט דער געלער. דער רוף צום קאמף איז געווען ארויסגעגעבן און ביידע קאטערס האבן זיך צוגערוקט מיט פארלייגטע אויערן, און מיט אויפגעהויבענע רוקנס.

— מיאו! מיאו!—האט ווידער געשריען דער שווארצער און האט זיך צוגערוקט אויף צוויי צאל נענטער.

— וואו—וואו—ו־ו!—האט זיך אפגערופן דער געלער און אויפהויבנדיק זיך אין זיין גאנצער הויך, האט ער זיך דער־נענטערט מיט א גאנצע צאל.

— וואו—וואו—ו־ו!—האט ער איבערגעחזרט, באוועג־דיק מיטן וויידל אויף רעכטס און אויף לינקס.

— מיאו—מיאו!—האט געווארטשעט דער שווארצער און איז עטוואס אפגעטראטן, דערוועגנדיק פאר זיך די ברייטע ברוסט פון געלן קאטער. אלע פענסטערס אויפן הויף האבן זיך געעפנט און ס'האבן זיך דערהערט מענשלאכע קולות. די געשרייען פון די קעץ זיינען אבער נאך שטארקער געווען.

— וואו! וואו!—האט געדונערט דער געלער קאטער, פונקט ווי ער וואלט געוואלט זאגן:—„אוועק פון וועג! אוועק פון וועג!״

— מיאו—מיאו!—האט געענטפערט דער שווארצער, צו־רוקנדיק זיך ווידער צום געלן.

נים מער ווי דריי צאלן האבן אפגעטיילט די נעזער פון

די געגנערס, און זייערע פאדערשטע לאפעס מיט אויסגעשטעקטע נעגל האבן זיך געריקט אלץ נענטער צו זיך. דריי מינוט זיינען די קעץ געשטאנען איינע אנטקעגן די אנדערע אן א באוועגונג, מיט פינקלדיקע, ווי צינדלטע קוילן, אויגן, און די עקן פון זייערע וויידלען האבן זיך באוועגט אן אויפהער אין אלע זייטן.

און דער געלער האט אייבנאי אנגעהויבן זיין געשריי:

— וואו-ו-ו—יאו-ו-ו!

— יע-ע—ע—ע—ע—ה! האט איסגעריטשעט דער שווארצער, וועלנדיק איבערשרעקן דעם געלן, און איז ווידער עטוואס אפגעטראטן.

דער געלער האט זיך גלייך צוגערוקט—זייערע וואנסעס האבן זיך שוין בארירט, און א פאר צאל האט נאר אפגעטיילט זייערע נעזן.

— וואו—וו-ו!—האט זיך אויסגעריסן א טיפער זיפץ פון געלנס ברוסט—יע-ע—עיעה!—האט א וויארטש געטאן דער שווארצער און אין דער זעלבער רגע האט זיך דער געלער א ווארף געטאן, ווי א מכשפה אויפן שווארצן, אריינלאזנדיק אין אים זיינע נעגל און ציין.

— ייי—ייי—וויי—האט אנגעהויבן צו וואיען דער שווארצער, און האט אנגעכאפט דעם געלן מיט די לאפעס און האט אים איבערגעקערט אויף דער ערד.

אזוי, ווי די קעץ האָבן זיך געביסן און געשלײַדערט, און אַלץ דער געלער! אוי, ווי זיי האבן זיך געקוילערט און געשטײַערט.

מיטן קאָפּ אַראָפּ, מיטן קאָפּ אַרויף, דא דער שווארצער, דאָ דער געלער, דער עיקר אָבער דער געלער, האָבן זיך די שטרייטנדע קאטערס געקוילערט איבערן דאך, ביז ביידע זײַנען אַראָפּגעפאלן גלייך אויף דער ערד.—

פון אלע פענסטערס האבן זיך—אצינד געהערט הויכע אויסגעשרײַען—„הורא! לעבן זאָל דער געלער!“.

אין איין אויגנבליק האָבן זיך ביידע קאטערס אויפגע-שטעלט אויף די פיס און האלטנדיק איינער דעם צווייטן פעסט מיט די נעגל, האָבן זיי זיך ווייטער געקוילערט איבערן שטיינערנעם הויף, סאָפּנדיק און מיאוטשנדיק הויך; ענדלאך זיינען שוין ביידע זאט געווארן מיטן קאמף. זיי האבן זיך אָפּגעלאָזט אָפּשפּרינגענדיק יעדערער אין זיין זייט, ביידע צובלוטיקטע און צוביסענע, נאָר מערער—דער שווארצער.

ער האָט זיך נעבאך דערשלעפּט צום מויער און רחמנותדיק געמיאוטשעט פון ווייטאָק און צארן. אַרויפבאָפּנדיק זיך אויפן שפּיץ פון מויער איז ער שנעל אוועק.

אונזער מיזיע האָט זיך צוגעקוקט צום קאמף פון איר באַ-העלטעניש אין קאָסטן מיט א באזונדערן אינטערעס, הארצקלאַפּן און שרעק. ווען דער שווארצער קאָטער איז אוועק, האָט זי מיט

אַנטציקונג געקוקט אויפן זיגרייכן גזלן. דער גזלער אָבער, זיך דערוויסנדיק נאָגן צופעליק פון איר באהעלטעניש, האָט זיך צוגערוקט צו די קאסטנס און האָט אַ קוק געטאָן פון דער זייט אויף דער שיינער קאַץ, וואָס איז מיט א ווילע צוריק געווען אן עדות פון אזא עלדישן קאמף. מיזיע האט זיך גאר ניט דער־שראקן — פארקערט, זי האט פריינדלאך אַ קוק געטאָן אויפן העלדישן קאטער — באלד זיינען שוין ביידע קעץ געווען אזוי באַ־פריינדעט און היימיש, ווי זיי וואלטן שוין דורכגעלעבט אַ שטיק לעבן צוזאַמען.

V.

אוויעק איז דער אלול, ס'זיינען שוין די קורצע טעג פון תשרי געקומען, ווען אין דעם האלטן היימישן קאסטן האָט זיך געלאָזט הערן א גרויסע באַוועגונג און פאַרשיידענע קלאַנגען. וואָס האָט עס געקענט זיין? א, ווען יעצט זאָל קומען, מיזיעס

געלער פרײַנד, וואָלט ער געמעגט זײַן שטאָלץ, אַזוי ווי זי, ווײַל פינף פּיצעלאַך האָבן זיך געטוליעט צו איר, און זי האָט זיי געוואַרימט מיט איר אײגענעם לײַב. אײַנגעװיקלט אין אַ בײַגעלע האָט זי געמורמעלט פון גליק און שטאָלץ—אַ ניט האָט זי געלעקט די קלײנע גופּימלאַך פון אירע קינדער און האָט זײ געגלעט מיט אַזאַ צאַרטקײט און געפיל, וואָס עס איז איר נאָר ביז איצט געווען פרעמד.

פון דער צײַט אָן איז איר לעבן געוואָרן פול מיט פרייד, אָבער אויך מיט זאָרג—ווײַל וועלנדיק ערנערן מיט אײגענעם מילך פינף באַשעפעניש, דאַרף מען אַלײן האָבן גענוג עסן—און מיר ווײסן שוין, ווי שווער עס פלעגט איר אָנקומען איר חיונה. אָבער די מוטערליבע האָט איר צוגעגעבן כח און וואָס אַמאָל נײַע אײַנפאַלן. זי האָט בשלום צוגעזיין איר געזינדל ביז דער ויבעטער וואָך. דאַמאָלסט האָבן די קלײנע אָנגעהויבן צו קריכן און שפּרינגען איבערן קאַסטן, עסן אָבער האָבן זיי פאַרלאַנגט וואָס אַ מאָל מער.

די אָרימע, און גלײַכצײַטיק גליקלאַכע, מאַמע האָט געטאָן, אַלץ, וואָס זי האָט געקענט כדי אויסציזוכן שפּייז, נאָר ווי עס איז שוין אַלעמאָל אין לעבן,—פלעגט איר דאָס גליק צוקומען טראָפּנווײַז—און זאָרג און מאַטערניש מיט גאַנצע הויפנס.

עס זײַנען ווידער געווען טעג פון הונגער—פון שרעקלאַכן צוזאַמענטרעפן מיט פײַנט און מיט שטײנער, מיט וועלבע רושאַס

מאלין פלעגט זי מכבד זיין. דערפאר אבער האט איר אין א
א שיינעם פרי=מארגן געטראפן א גרויסער גליק: בעת זי האט
ווי געווינלאך געקלעטערט איבער די טרעפ, האט זי דערזען אן
אפענעם קרוג מיט מילך און האט זיך מכבד געווען שוין פאר
אלע צייטן: אמאל איז איר געלונגען אוועקשלעפן א שטיקל
פלייש ביי איינעם פון די שטענדיקע קעסטקינדער פון לאמען
פייוול און באלד דערנאך האט זי געפונען א קאפ פון א פיש.
זי איז געגאנגען זאט און צופרידן צו אירע קינדער, מיט אמאל
האט זי דערזען אויפן הויף עפעס א מאדנע חיה. באלד האט
זיך אין איר דערוועקט דער יעגערישער חוש, זי האט זיך דער=
מאנט, ווי זי פלעגט א מאל כאפן מייז און איז שטיל צוגע=
גאנגען צו דער חיהלע פון הינטן. זי האט אודאי געמיינט, אז
דאס איז עפעס א גרויסע מויז מיט לאנגע אויערן און מיט א
קורצן עק. פארזיכטיק, שטיל האט זי זיך צוגערוקט צו דער
חיהלע, וועלכע איז זיך רואיק געזעסן, ניט פאראויסזעענדיק קיין
שלעכטס, און האט געקוקט מיט גרויסע אויגן איף דער וועלט.
זי האט אפילו ניט געפרובט צו אנטלויפן. דאס דאט זייער פאר=
וואונדערט אונזער קאץ. זי האט מיט אמאל א שפרונג געטאן
און האט אנגעכאפט דאס קליינע פארן נאקן. זי איז אבער גע=
ווען שוין אזוי זאט, אז זי האט אפילו ניט געפרובט א ביס צו
געבן איר נייעם רויב, זי האט עס גלייך—אוועקגעטראגן צום
קאסטן און האט עס אווארף געטאן אירע קינדער.
די קעצעלאך האבן קיין שום אכט ניט געלייגט אויף דער

חיהלע. דערזענדיק אבער די מוטער, זיינען זיי צוגעפאלן צו איר און האבן אנגעהויבן צו זויגן איר ברוסט.

ניט לאנג קלערנדיק האט זיך דאס קינדל אויך איינגעזאמלט לעבן דער קאץ און האט גענומען זיין חלק.

די קאץ האט געקוקט אויף אים איבערראשט. געבאפט האט זי דאס היהלע כדי אים אויפצועסן; איר זאטער מאגן האט געראטעוועט דעם קינדל פון טויט; איצט דערזענדיק, ווי דאס קינדל טוליעט זיך צו איר ברוסט, האט זי דערפילט א מוטערגעפיל. דער גורל פון קינדל איז געווען באשלאסן, — עס האט זיך דערצויגן אין קאסטן, זיך געהארעוועט צוזאמען מיט די קעצעלאך.

ס'זיינען ווידער פארביי צוויי וואכן — די קעצעלאך זיינע אויסגעוואקסן, שטארקער געווארן, זיי האבן שוין געקענט אליין ארויסקריכן פון קאסטן און זיי האבן געקלעטערט צווישן די מיסטקאסטנס. דאס קינדל אבער האט ניט געקענט אליין ארויסקריכן פון זיין צופעליקער וואינונג — דארט איז עס שוין אויף שטענדיק געבליבן.

און א שיינעם פרימארגן, ווען די מאמע קאץ איז אוועק זוכן עפעס צום עסן, האבן זיך די קעצעלאך געקלעטערט ווי שטענדיק איבערן הויף און זיינען פארקראכן אונטערן געוועלב פון פויגלפארקויפער. דושאס מאלע האט זיי דערזען און האט געהייסן דעם נעגער זיי אלע אויסצושיסן.

און א ווייל ארום איז פון די קעצעלאך קיין איינס ניט

געבליבן. מיט אמאל האט דער נעגער באמערקט די מאמין קאין, וועלכע איז געגאנגען צום קאסטן, טראגנדיק עפעס אין מויל.

נאך א ווײלע, און ער וואלט זי דערשאסן, ער האט אבער זיך מיישב געווען:

—א קאין, וואס באפט שטשורעס איז ווערט מ'זאל איר שענקען דאס לעבן.

דעם אמת זאגנדיק איז דאס געווען דער ערשטער שטשור וואס מיזיע האט געכאפט, צום גליק האט ער איר געראטעוועט פון טויט.

דער נעגער האט נאכגעקוקט די באוועגונגען פון קאין, וואס איז גראדע צוגעלאפן צום קאסטן—זי האט אריינגעווארפן אהין דעם שטשור און האט מיט א ווײבער שטים גערופן אירע קליינע.—

זי איז געווען פארוואונדערט, וואס קיינער קומט ניט אויף איר רוף און וואס דאס קינגל וויל אפילו ניט א קוק טאן אויפן שטשור. זי האט זיך אוועקגעלײגט און דאס קינגל האט אנגע־הויבן צו זויגן; די מאמע האט זיך אבער איטוואיק ארומגעקוקט און האט אויסגעשטעלט די אויערן, זופנדיק אין אייפהער אירע קליינוואַרג. דערווײל איז דער נעגער שטילערהייט צוגעגאנגען צום קאסטן און איז געבליבן שטיין איבערראשט. אין קאסטן איז געלעגן אויסגעצויגן די קאין, לעבן איר דאס ווינגרע קינגל, און באלד לעבן זיי א טויטער שטשור.

מיזיע האט אנגעשפיצט די אויערן.

דער נעגער איז אוועק, און א ווײַלע ארום איז ער געקומען מיט א ברעט אין האנט, האט עס געלייגט אויפן קאסטן און האט אוועקגעטראגן דעם קאסטן מיט אלין, וואס איז דארט געווען, טויטס און לעבעדיקס, און דער קראם פון די פויגל.

דושאפ מאלע האט געקוקט פארוואונדערט; נאך מער דערשטוינט איז ער געווארן, ווען ער האט דערזען זײַן פארלארן קינינגל.

—אט די קאץ האט בײַ אונז צוגעגנבעט דאס קינינגל—האט געזאגט דער נעגער—זי האט עס אוועקגעטראגן צום שפיל פאר אירע קינדער!

מ׳האט די קאץ פארזיכטיק איבערגעטראגן אין א גרויסע שטײַג און אײַנגעשטעלט אין געוועלב, וואו מ׳האט געזען אלע באזוכערס דאס גליקלאך געזינדל.

אין א פאר טעג ארום איז דאס קינינגל קראנק געווארן און איז געשטארבן. מיזיע אבער איז געבליבן אין שטײַג.

דערצויגן אויף דער פרײַהײַט, האט זיך מיזיע שלעכט געפילט אין איר אײַנגעגראטעטן שטײַג. עסן, דעם אמת זאגנדיק, האט איר ניט געפעלט, דערפאר אבער האט זי געבענקט נאך פרײַהײט און באוועגונג, צו וועלכע זי איז געווען געוואוינט פון די ערשטע טעג פון איר לעבן.

מעגלאך, אז זי האט צייכנונגען געטראכט:—„פרייהייט אָדער טויט״—דאס האט איר אָבער ניט געשאדט צו עסן מיט אפעטיט אלין, וואס מ'האט איר געגעבן. אין א פּאָר טעג האט זי זיך אזוי געלעקט און געוואשן, אז איר גאנצע שיינקייט איז ארויסגעשוואומען. ווען רושאפּ מאלע האט באשלאסן צו פארהאלטן די קאַץ אויף שטענדיק ביי זיך.

VI.

מרים צווייטע לעבן.

רושאפּ מאלע איז געווען א סוחר פון קאנאריקעס און אנדערע זינגפייגל. פארשטייט זיך, אז ניט—ער איינער האט זיך דערמיט אין ניו־יארק באשעפטיקט—ניט אלע מאל פלעגט אים גוט גיין, ניט איינמאל איך האט ער גרויס זארג געהאט. זיין טרייער דינער, דער נעגער סאם, פלעגט אים קיינמאל ניט פארלאזן, וויל זיין באלעבאס פלעגט זיך ביילן מיט אים, מיט וואס ער האט נאר געהאט.

פינדעסטוועגן, כדי אויסקומען מיטן פארדינסט

האָט ער געמיוזט זוכן אַ זייטיקע פּרנסה. קודם־כּל פּלענט ער קויפן אַ צייטונג, וואו ס'איז געווען אַ לאַנגער רובריק — „פאַרלוירן און געפונען" — און האָט עס אויפמערקזאַם געלייענט. דערנאָך פּלענט ער באַשעפטיקן זיך מיטן אויסזוכן פון די פאַרלאָרענע זאַכן, אַ מאָל פּלענט דאָס אים געלינגען. און ער האָט געהאַט אַ באַלוינונג און וואָס פאַר אַ ס'איז פּרנסה.

סאַמס באַלעבאָס איז געווען זייער ערפינדעריש. פאַר־האַלטנדיק די קאַן איצט ביי זיך, האָט ער שוין געהאַט אַ גרייטן פּלאַן, וואָס מיט איר צו טאָן. ער האָט געלעזן אין צייטונג אַן אַרטיקל אונטערן נאָמען: „די דערציהונג פון היימישע חיות" גלייכצייטיק האָט ער זיך דערוואוסט, אַז אין אַ מאָנאַט אַרום דאַרף פאָרקומען אין ניו־יאָרק אַן אויסשטעלונג פון „קעץ און אַנדערע היימישע חיות" ס'איז אים איינגעפאַלן גאָר אַ נייער פּלאַן.

אין דעם אַרטיקל פון דערציהונג פון חיות האָט ער איבער־געלעזן אַז כּדי צו באַקומען אַ שיינע הויט און אַ גלאַטן פוטער דאַרף מען דערנערן די חיות מיט פעטע פּאַטראַוויעס און האַלטן עס אין קעלט.

—מ'זאָל דאָס קענען אויסהאָדעווען אונזער קאַץ! — האָט ער אַ טראַכט געטאָן און האָט זיך גלייך גענומען צו דער אַרבעט.

קודם־כּל האָט ער באַשטימט מיזיען מיט אַ אַ כאַרט מאַשטש, וואָס האָט פאַרשמירט אַלע חיהלאך, וועלכע האָבן זיך איינגעהילט

אין איר געדיכט פוטערל, דערנאך האט ער זי געוואשן מיט זייף און ווארימע וואסער, באטש זי האט זיך געווערט מיט אלע כחות מיט נעגל, ציין און שטארקן מיאוטשען דערנאך האט מען איר אוועקגעלייגט ביים ווארימען אויוון, דא האט זיך די קאין באלד בארואיקט פון איר צארן און כעס, האט זיך אנגעהויבן צו בארעקן און איז רואיק איינגעשלאפן.

פון דער צייט אן זיינען געקומען נאך אנדערע טעג פאר אונזער אריבער קאין מ'פלעגט איר ארויסשטעלן אין שטייג אויפן הויף, איינהילנדיק פון ווינטן און רעגנס, און מ'פלעגט זי קארמענען מיט פישקעס און גריבקיים אויף בוימל, וויפיל זי פרעגט נאך איפעסן.

אין א וואך ארום האט שוין קיינער ניט געקענט דער־קענען די קליינע קעצעלע—מיסטקלייבערקע. דיק, זאט מיט א צופרידן פנימל, איז זי רואיק געזעסן אין איר שטייגל, און איר פעלצל, ווייך ווי זיידנס האט געגלאנצט פראכטפאל אויף דער זון, די שווארצע פינטעלאך אויפן גרויען פאן האבן איר צוגע־געבן אן אריסטאקראטיש אויסזען.

רושאפ מאלע איז געווען גאר צופרידן פון זיין פרוב און האט אנגעהויבן צו חלומען באוואוסט צו ווערן.

—הער אויס, סאם—האט ער געזאגט אין א ווינטערטאג צו זיין בעגער—אונזער קעצל איז צוגעפאסט אין גאנצן צו אן

אויסשטעלונג.

—לאמיר זי אויסשטעלן!—האט זיך אפגערופן דער נעגער —מיר מוזן איר אבער געבן א לאנגן רוישנדן נאמען, זי זאל צוציען די אויפמערקזאמקייט פון עולם. מיר דוכט זיך, ס'וואלט איר געקענט אנרופן:—„זיין קיניגלאבער מאיעסטעט ביל!

דאס איז דאך א קאין—האט באמערקט דער נעגער.

—אמת—האט געענטפערט דושאפ—זאג מיר אבער, ווי הייסט דאס נעגנט, וואו די ביזט געבארן געווארן?

דער אינזל אנאסטאלאן—האט זיך אפגערופן דער נעגער מיט שטאלץ—דארט האב איך דערזען דעם שיין פון טאג.

—אויסגעצייכנט!—מיר וועלן איר א נאמען געבן: „איר קעניגלאבע מאיעסטעט אנאסטאלאן”. מ'דארף נאר אויסשרייבן, ווי'עס האבן געהייסן אירע עלטערן און איר יחוס. דאס וועלן מיר גלייך טאן.

א פאר טעג האט דושאפ מאלע געארבעט אויף אויס־צוקלערן דעם גאנצן סדר־היחוס דער קעניגין אנאסטאלאן—זי האט דערווייל געגעסן פישקעפלאך און געלעקט איר שיין פוטערל, ניט קלערנדיק פון קיין שום אנדערע זאכן.

דער נעגער האט זיך געסוזט גוט אפוואשן, אפשערן און אפנאלן, דערנאך האט ער זיך שוין אנגעטאן, האט ארויפגעלייגט אויפן קאפ א געבארגטן צילינדער, האט גענומען דעם שטעג

מיט דער קאַן און איז מיט איר אַוועק אויף דער אויסשטעלונגן דאָ האָט ער פאַרגעסטעלט זיין אוצר—שטאָלץ און ערנסט—און איז געבליבן אויף דער אויסשטעלונג.

אין טאָג פון דער עפענונג האָט דושאָפּ אַלס ציטמעלער געהאט אַ פריען איינגאַנג. קודם כל האָט אים איבערגעבראַשט די גרויסע צאָל פון עקיפּאַזשן און קאַרעטן וועלכע זיינען געשטאַנען לעבן דער אויסשטעלונג ־איינגעפּוצטע הערן און דאַמען האָבן זיך געשטופּט ביים אריינגאַנג. דושאָפּ האָט לעבן זיי אויסגעזען, ווי אַ בעטלער—ער האָט זיין גוטע שטימונג נים פאַרלאָרן און איז ברייט פאַראויס געגאַנגען, הגם דער שווייצער האָט אים אָנגעקוקט מיט אומצוטרוי. ענדלאַך האָט ער זיך געפונען אין אַ גרויסן זאַל, פול פון שטיינען מיט קעז. מיט אַ ציטערדיקס הארץ האָט ער זיך צוגעקוקט צו פאַרשיידענע קעז, באַפּוצטע מיט רויטע אָדער בלויע ציבנס און האָט נים געהאַט די דרייסטקייט אויסצון אַ פרעג צו מאַן פון דער קייזערין אָנאַסטאַלאַן, אין שרעק פאַר אַ מיאוסער מפלה.

אפשר האָט מען דערקענט אין איר די סיטקלייבערקע, אפשר האָבן זי די ריכטערס אָפּגעשטופּט. און נאָר נים צוגעלאָזט צו דער אויסשטעלונג!

ער איז אָבער געגאַנגען ווייטער, איז פאַרביי פיל זאַלן, זיין קאַן האָט ער אין ערגיץ נים געזען. פון דעסטוועגן האָט ער זיך צוגעקוקט צו די פּראַכטפולע מוסטערן פון חיות, און האָט גע-

לײַענט די נעמען פֿון זײַערע באַלעבאַטים װײַל דאָס צו זעסן קומט אויך אַ מאָל צו נוץ. פֿון זײן קאַן האָט ער פֿאַרגעסן צו קלערן. אַזוי איז ער אַרײַן אין בעסטן מיטן פֿון דער אויסשטעלונג, װאו עס זײַנען אויסגעשטעלט געװען די טײַערסטע און שענסטע חיות.

אַ גרויסער עולם מענשן האָט זיך דאָ געשטופּט. צװײ פּאָליציאַנטן האָבן געהיט די אָרדנונג בײַם אײַנגאַנג, ס'איז גע־קומען רושאָפּס רײַע. אײדער ער האָט געקענט זיך אַדורכשפּאַרן צװישן דעם עלעגאַנטן עולם, האָט ער שוין דערהערט אויס־געשרײַען:

—אַך, ס'אַ שײנקײט! ס'אַ אײדלקײט!—האָבן אויסגערופֿן אַ פּאָר דאַמען.

—אינטערעסאַנט, װאו האָט זיך די באַשעפֿעניש געקענט אויסהאָדעװען?—האָט באַמערקט אײנער אַ הויכער מענש.

—װי גליקלאַך, װאָלט איך געװעזן, װען דאָס זאָל זײן מײַנס,—האָט זיך אָפּגערופֿן אַ דאַמע אין אַ גרויסן קאַפּעלוש מיט פֿעדערן.

— ס'אַראַ בליק, אמת אַ קײזערלאַכער, ס'אַראַ פּראַכטפולער פוטער!—האָט מען געהערט פֿון אַלע זײַטן.

—אַז איר יחוס שטאַמט פֿון פּרעה—האַ־האַ־האַ—דאָס איז חירקלאַך װערט צו זען!

—מײַנע גנעדיקע הערן! איר מוזט אנטשולדיקן—האָט פלוצלונג געזאָגט דער דירעקטאָר פון דער אויסשטעלונג—איך בעט אײַך זיך אָפּצורוקן אביסל—דער פאָטאָגראַף פון דעם טורן־מאנאטשריפט גײט איצט פאראײביקן דעם „פּערל״ פון אונזער אויסשטעלונג—אנטשולדיקט, זײַט אזוי גוט זיך אָפּצורוקן.

—הער דירעקטאָר—האָט זיך אָפּגערופן די דאמע מיטן גרויסן הוט—איז דאס אמת, אז די שײנע קאַן איז ניט צו פארקויפן?

—כ׳ווייס ניט, גנעדיקע פרוי—האָט ער געענטפערט.

—כ׳האָב נאָר געהערט, אז דאָס איז א רײַכער מאַן און ס׳איז שווער צו אים צוצוטרעטן, כ׳וועל אָבער פּרובן, גנעדיקע דאמע, כ׳וועל פּרובן. זײַן הויז פארוואלטער האָט מיר געזאָגט, אז מיט גרויס מי האָט ער זיך געלאָזט אײַנרײדן אויסצושטעלן זײַן אוצר.

—אוועק פון וועגן!—האָט ער פארענדיקט—ווענדנדיק זיך שטרײַנג צו רושאפן, וואָס האָט זיך געפּרובט ארויסשטופן צום שטײַג מיטן „פּערל״ פון דער אויסשטעלונג.

רושאפ האָט זיך שוין דורכגעשטופּט אזוי נאָנט, אז ער האָט געקענט איבערלײענען די מעלדונג, וואָס איז געהאָנגען אויפן שטײַג. די חיה אָבער האָט ער נאָך ניט געקענט זען, ווײַל דער דירעקטאָר און דער פאָטאָגראַפישער אפּאַראַט האָבן זי פארשטעלט.

ער האָט נײַגעריק געלײענט די אויפשריפטן אויפן פּאַפּיר,

וואָס איז באַפּוצט געווען מיט אַ בלויער לענטע: „די בלויע לענטע און דער גאָלדענער מעדאַל פון דער גרויסער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט פון אויסשטעלונג פון קעץ און אַנדערע היימישע חיות, זיינען אנערקענט איר קיזערלאַבער מאַיעסטעט אַנאַסטאַלאַן, דער קאַץ פון דער ריינער ראַסע וואָס איז אויסגעשטעלט געוואָרן דורך הערן דזשאָפּ מאַלע, דעם באַקאַנטן דערציער פון חיות" (ניט צו פאַרקויפן)

דזשאָפּ האָט ניט געגלויבט זיינע אייגענע אויגן. פאַר אים איז געשטאַנען אַ גאָלדענער שטייג, געהיט פון פיר פּאָליציאַנטן, און אין דעם שטייג איז אויף אַ זיידענעם קישן געלעגן מיזעלע מיסטקלייבערקע אין איר גרויסן פוטערל מיט שוואַרצע פלעקעלאך. זי איז רואיק געלעגן האַלב פאַרמאַכט די אויגן צום שלאָף, מיד און גלייכגילטיק צו אַלע אויסגעשרייען פון אַנטציקונג.

דזשאָפּ מאַלע איז געבליבן שטיין, ווי פאַרשטיינערט, איבעראַשט פון דעם, וואָס ער האָט געזען און פון די קאָפּלימענטן, וואָס האָבן זיך געשאָטן אָן אויפהער לכבוד זיין קאַץ.

אַלץ וואָס ער האָט געזען און געהערט דאָ איבערגעשטיגן זיינע ווייטסטע האָפנונגען. ער האָט זיך דערוואוסט אַז דער גרויסער ערפאָלג פון דער גאַנצער אויסשטעלונג האָט צו פאַרדאַנקען זיין קאַץ! פון דעסטוועגן ניט קוקנדיג אויף דעם גליק, וואָס האָט אים געטראָפן, האָט ער געפונען פאַר נויטיק ניט צו דערקלערן זיך פאַרן אינגבישער פון אַזאַ אוצר—איינע זיינע גע-



אין דעם שטיג אויף א זיַדענעם קישעלע איז געלעגן מיזיע.

שעפּטן האט ער באַוואָרנט מיט זײַן נעגער, וואָס האט פיגורירט ווי זײַן הויז־פּאַרוואַלטער.

דער נעגער פלעגט אים צוברענגען יעדן טאָג בעסערע ידיעות; קודם כל אבער האט ער געבראַכט אַ ידיעה, אַז אײנע אַ רײַכע און אַריסטאָקראַטישע דאַמע הערט ניט אויף צו בעטן דעם דירעקטאָר ער זאָל ווירקן אויף דושאָב טאַלבאָט צו פאַר־קויפן די שײנע קינדער אַנאַסטאַלאַן.

דושאָב האט פאַרלאַנגט פאַר איר 100 דאָלאַר און האט זײ גלײַך באַקומען.

אונזער קאַין האט זיך איבערגעצײגט באַלד נאָך דער אויסשטעלונג און אַ שײנע ווילע, אײנע אײנער פון די שענסטע גאַסן פון ניו־יאָרק, אַזוי גערופענער „פינפטע אַלעע".

ס'איז אַנדער לעבן האט זי דאָ געפירט! מ'האט זי געצערטלט, געקאָרמעט, און אַרומגערינגלט מיט גרויס זאָרג. פון אַנהויב פלעגט זי דאָס אַלץ צונעמען אומגערן און איז געווען אַזוי ווילד, אַז ס'איז שווער געווען צוצוטרעטן צו איר.

די מאָרנע אויפפירונג פון דער קאַין האט מען זיך גע־טײַטשט אויף אַזאַ אופן: זי האט פײַנט צערטלאַבקײטן, ווײַל זי איז צו זײ ניט צוגעוווינט; זי אַנטלויפט, ווען זי זעט אַ הונט — מסתמא דערפאַר, ווײַל זי חיל ניט־ האָבן קײן געשעפטן מיט ערשטע בעסטע חיות; זי קוקט אויפן קאַנאַריק און שטײַג, ווײַל

זי האט אזעלכע פויגל געוויס געווען אין איר פאטערלאנד: זי האט ניט געוואלט רוען אויף דער ווייכער קישן און איז שטענדיק געשפרונגען אויף די פענסטערס—ווייל די קישן איז פאר איר געווען, ווי ס'ווייזט אויס, ניט באקוועם, און אין איר מורח-פאלאץ, וואו זי האט זיך איינגעהארעוועט, זיינען אזעלכע פענסטערס ניט געווען; וואס זי פלעגט אמאל פארפאטשקען די סאפקע— האט זי א פנים געמיינט, אז די סאפקע איז נאר פאר איר צוגעגרייט.

מ'האט זיך שטארק געוואונדערט, ווי געשיקט און פלינק זי פלעגט אויפהויבן דעם דעקל איפן עמער מיט מילך, נאך מער אבער האבן זיך אלע געוואונדערט, ווען איר קיזערלאבע מאיעסטעט פלעגט זיך פארגנבענען-שטילערהייט אין קיך אריין צו טרינקען די שמון פון עמער פונקט ווי זי וואלט געווען דורשטיק. אירע נייע באלעבאטעס האבן זיך צו דעם באציגן, ווי צו קאפריזן פון א מלכה און פלעגן איר מוחל זיין און נאך מער צערטלען און ליבן.

און דאך, איז אונזער קעצל ניט געווען גליקלאך, ווי ס'ווייזט אויס האט זי אנגעהויבן שטארק צו בענקען נאך איר פאטערלאנד! אלץ אפטער פלעגט זי שפרינגען אויף די פענסטער און קראצן די שויבן, פלעגט קוקן מיט בענקשאפט אויפן גאס, עס האט איר געצויגן די פרייהייט און אומאפהענגיקייט. זי פלעגט אפרייסן דאס בלויע בענדעלע פון האלז, פלעגט זיך באהאלטן

פאר מענשן און הינט, ווייל סיי די סיי יענע זיינען געווען צו איר ביז איצט פיינטלאך. אלין אומעטיקער פלעגט זי יעדן טאג זיצן ביים פענסטער און קוקן אויף דעכער און אויפן הויף—פול מיט איין פארלאנג—ארויסצוקריגן זיך אויף דער פרייער וועלט.

מ'האט זי אבער שטארק געהיט, און ס'איז איר שווער געווען זיך צו באפרייען, זי האט אפילו ניט געהאט די מעגלאכקייט צוצוטרעטן צו די קיכנעפעס. —

אין א שיינעם אדר-פרימארגן, ווען אלע אין שטוב זיינען נאך געשמאק געשלאפן, האט אונזער קינינגלאבע מאיעסטעט אנאסטאלאן דערזען דורכן פענסטער די עטערס פון פאמאיעס, וואס מ'האט ארויסגעשטעלט אויפן גאס. דאס אלט באקאנטע בילד האט ארויסגערופן ביי איר אזא שטארקן ווילן צו ארויס-קריגן זיך אויף דער פריי, אז זי האט שוין ניט געקענט איינזיצן. און אזוי לאנג איז זי געלאפן איבער די צימערן, ביז זי האט זיך ארויסבאקומען אויף טרעפ, וואס האט איר געקענט הארן, וואס מ'וועט זאגן אין שטוב, ווען מ'וועט זיך כאפן, אז די שיינע קינינגן אנאסטאלאן איז אוועק?

באפליגלט מיט איין איינציקן פארלאנג צו זיין אויף דער פריי און צוטרעפן אין איר אלטן היים, איז די קאץ געלאפן פאראיים, אין דער לענג פון די ווענט און פלויטן, חאטש זי פלעגט זיך פילן זיכער, פלעגט זי זיך אפשטעלן אויף א ווײלע און

ווייטערלויפן.

פלוצלינג האט א בלאז געטאן א ווינט, און די קאץ האט עפעס דערשפירט. א מענש וואלט דערקענט אין דיה די נאנטקייט פון טייך.

פאר אונזער קאץ איז דאס געווען א גרוס פון פאטערלאנד זי איז געלאפן אין דער ריכטונג, פון וואנען ס'האט געבלאזט דער ווינט שטענדיק צו מזרח, און איז דערגאנגען צום ברעג פון ים. דא אבער איז איר אלין עפעס פרעמד געווען—זי איז געבליבן שטיין, ניט חיסנדיק, אין וועלכער זייט צו לויפן. געשטופט האט איר עפעס צו דרום; זי איז אוועק אין יענע זייט און אין צוויי שעה ארום האט זי זיך געפונען אויף א באקאנטער גאס. הינקענדיק האט זי צוגעקלעטערט צו א שפארונג אין טויער, און האט זיך ארויסגעגליטשט אויפן הויף, וואו זי האט פארבראכט איר ערשטן לעבן—דא האט זי זיך ארומגעקוקט און איז ארייננגעשפרונגען אין דער זעלבן קאסטן, וואו זי האט דערזען די וועלט.

נאכדעם ווי זי האט אפגערוט און אפגעוואשן זיך האט אונזער מזיע ענדלאך ארויסגעקוקט אויף דער וועלט. הונגעריק איז זי אוועק אויף א באקאנטן הויף, כדי צו געפינען עפעס צום עסן—זי איז ארויף אויף טרעפ, וואס האבן געפירט צום געוועלב מיט די פויגל.

מיט א מאל האט זיך אויפגעעפנט די טיר און דער

נעגער סאם אין געבליבן שטיין פארוואונדערט.

—הער דושאפ!—האט ער אויסגעשריען—גיט א קוק—דאס איז דאך געקומען אויף צוריק אונזער קיניג אנאבטאלאן.

איידער די קאץ האט באוויזן ארייצושפרינגען אייפן טישער איז ארויס דושאפ און האט דערזען זיין אוצר.

— ציצי-ציצי—מיזעלע—ציצי—האט ער אנגעהויבן צו רופן ווי צארט ער האט נאר געקענט.

דער נעגער האט איך גערופן. דאס האט אבער ניט געהאלפן. מיזיע איז פארשוואונדן. און מער האט מען זי שוין ניט אנגעזען. דושאפ האט געהאט צו פארדאנקען דער קאץ די הונדערט דאלאר, פאר וועלכע ער האט געקויפט א פאר נייע פויגל און חיות. אויך קלינגטן האט ער זיך נאך מער דערוואָרבן. דערפאר האט ער זיך באטיט מיט אלע מיטלען צו געפינען די קאץ. דאס איז אים אבער אנגעקומען מיט גרויס מי, ווייל די קאץ איז אלע מאל געוועזן קליג נאך די לעצטע איבערלעבונגען איז זי נאך קליגער געווארן. דער הונגער האט אבער אויך ניט יי שווינגן. מיזיע האט זיך צוריקגעקערט אין דער זייט פון דושאפס קעלער. עס האט זי אהין געצויגן דער גערוך פון געשמאקע פיש—דער ריח האט זיך געטראגן פון עפעס א נייען קאסטן, וואס איז געשטאנען ביי די טרעפ—מיזיע האט ארײנגעקוקט אין קאסטן מיט אומצוטרוי—דארט איז געלעגן א גרויסער קאפ פון

א פיש—מיט אײן שפרונג—האט די קאץ געהאט דעם קאפ אין מויל אריין.

פלוצלונג האט דער נעגער, װאס איז געװען באהאלטן הינטערן קאסטן, א צי געטאן פאר א צוגעגרייטן שנירל און האט געכאפט די קינינין אנאסטאלאן.

דערװײל האט רושאף איסגעזוכט אין די צייטונגען די רובריק פון „השבת—אבידה" און האט איבערגעלעזן:

— 10 דאלאר באלוינונג באקומט דער, װאס װעט אפ־טראגן דאס קעצל א. א. װ.

פאר רושאפן האט ניט געפאסט אליין צו גיין, הגם די באַ־לוינונג האט אים געצױגן—פארן נעגער האט עס גיכער געפאסט. ער האט גענומען די קינינין אנאסטאלאן און איז אװעק אויף דער גאס „פינפטע אלעי"—דא האט ער זיך פארגעשטעלט, װי רושאפס הויז פארװאלטער—און האט געזאגט:

— הער רושאפ מאלע שיקט אפ די קאץ, װאס איז אליין געקומען אין װאוינונג פון איר אלטן באלעבאס.

די שמחה און די באדאנקונגען קען מען אין װארט ניט איבערגעבן—ענדלאך האט דער נעגער באקומען אויך א רײַכע באלוינונג.

מיזיע האט זיך צוריקגעקערט װידער צו דעם רײַכן לעבן, װאס איז איר געװען אזוי אומאנגענעם. ס'האט זי אויפסניי גע־

צערטלט און גענקארטעט—דערפאר אבער האט מען זי נאך מער יוי פריער אפגעהיט און אויפגעזען.

VIII.

ס'איז געקומען דער פרילינג מיט דעם געזאנג נאך וואראַבּטשיקעס און אנדערע פויגל און הויכע נאכט קאנצערטן פון קעץ אויף די דעכער. די קיניגין אנאסטאזיא, וואס איז שוין געווען רואיק א גאנצן ווינטער, האט אנגעהויבן ווידער צו בענקען נאכן הויף און פרייהייט, איינגעבעטן זיך אבער האט זי נישט געקענט.

עס זיינען געקומען ווארימע טעג—און די הערשאפט האט באשלאסן ארויסצופארן צו זיך אין דארף.

—אונזער קאפריזנע קעצעלע, וועט זיך דארט געווים בעסער פילן—האבן גערעדט די דאמען צווישן זיך—דא פעלט איר פרישע לופט!

און אמאל איז צוגעפארן א גרויסע קאטש, דאס גאנצע

געזינדל פון דער „פינפטער אליע״ איז אריין, און אויבן אין האט מען געשטעלט א קוישל, און וועלכע עס איז פארשפארט געווען די קיניגין אנאסטאלאן. עס האט נאר ארויסגעשטעלט דורכן ספעציעל געמאכטן פענסטערל איר קעפעלע.

דער קאטש איז געקומען צום וואקזאל, אלע זיינען ארײן אין וואגאן—און אונזער מזיע איז אוועקגעפארן אין דער ברייטער וועלט. ס׳איז איר געווען שרעקלאך אומאנגענעם צו זיצן אין דעם מארנעם צימער וואס האט ניט אויפגעהערט צו ווארפן און טרייסלען איר קויש.

פון באן זיינען אלע ארויסגעשטיגן אויף א דאמפשיף, און אוועקגעפארן איבערן ברייטן ים. דא איז איר שוין געווען אנגענעמער און צייטנווייז האט זי געשפירט הימישע געריכן—בפרט ביי די ברעגן. נאך א רייזע פון א פאר שעה זיינען אלע ארויסגעשטיגן אויפן ברעג און פארפארן מיט א קאטש צו א שיינע ווילע, וואס איז ארומגערינגלט געווען מיט גערטנער. ענדלאך האט מען ארויסגענומען די קעניגין אנאסטאלאן פון דעם רייזע-קויש, ס׳האט זי ווי געהעריק אנגעקארמעט און ארויסגעלאזט פריי אין איינעם פון די גרויסע צימערן.

אלע הויז אנגעשטעלטע זיינען געווען שטארק העפלאך צו איר קעניגלאכער מאיעסטעט, זי אבער האט פארבונדן די גרעסטע פריינדשאפט נאר מיט איין איינציקע פערזאן, וועלכע פלעגט איר דערמאנען איר מוטערהויף — ד. ה. מיט דער

קעכין, איר באַליבסטער אָרט איז געווען ביי דעם קוימען, און איר געשמאַקסטער ביסן — דאָס, וואָס זי פלעגט געפינען אין דעם עמער מיט די פּאָמאיעס. די מאָרנע געוואוינהייטן פון דער קיניגין האָבן זייער געוואונדערט די דאַמען — נאָר זיי פלעגן איר מוחל זיין דעם קאַפּריז. די קעכין האָט געדאַרפט אָפּהיטן מיזיען, ווי אן אויג אין קאָפּ די קעכין האָט צוגעזאָגט אירע באַלעבאַטים, אז זי וועט שוין זען עפּעס אויסקלערן אַזעלכעס, וואָס זאָל איינהאַלטן די קאַץ אויף שטענדיק ביי דעם הויז.

— איך וועל שוין זען דאָס גוט איינצוארדנען—פלעגט זי באַרואיקן איר באַלעבאַסטע און זי האָט גענומען די קאַץ אין איר שירין און אַרומגעשמירט איר לאַפּע מיט צושמאָלצטן פליישפּעטס. דאָס איז אָבער אָנגעקומען מיט גרויס מי, ווייל די קייזערין האָט זיך שטאַרק אַנטקעגן געשטעלט, אָבער ווען די קעכין האָט איר שוין אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד, האָט זי אָנגעהויבן אָפּצולעקן אירע לאַפּעס מיט גרויס געשמאַק. פון יענער צייט אָן האָט זי שוין ניט פאַרלאָזן די קיך מיט דער קעכין.

דאָס איז געווען איר איינציק פאַרגעניגן, ווייל חוץ דעם איז אַלץ פאַר מיזיען געווען פרעמד און אומאַנגענעם אפילו דער הויף, וואוהין זי האָט ניט געטאָרט אַרויסגיין האָט איר גאָר אַנדערש געשמעקט, ווי יענער אין דער שטאָט.

אפילו מילך, וועלכע זי פלעגט דאָ האָבן אין דער פול,

האָט איר אזוי ניט געשמעקט, ווי יענע, וועלכע זי פלעגט אמאל מיט אזוי פיל מאטערניש גנבענען אויף די טרעפ פון הויזער.

דער גאָרטן איז איר אויך פרעמד געווען. נאר דער ווינקעלע, וואו עס האבן געוואקסן ווילדע רויזן האט איר געפעלן. זי פלעגט זיך באהאלטן און רייבן אָן אים, ווי עס וואלטן זי געבונדן מיטן אָרט עפעס זיסע און טייערע ערינערונגען.

עסן האט זי געהאט איבער גענוג — און דאך פלעגט זי ארויסקלעטערן אויפן מיסטקאסטן. קיין איין פישקעפל האט זי דארט ניט געפונען.

צו וואס־זשע מוזן אזעלכע מיסטקאסטנס? און מיסט און עמער אן פאמאיעס?

אין א שיינעם טאג איז א פישער־שיפל צוגעשוואומען צום ברעג—מיזיע האט דערשמעקט אן אנגענעמען ריח; זי איז אוועק אין יענער זייט, באלד אבער האט עס באמערקט א שטובזיקער מענש, מ'האט איר צוריקגעפירט און פון דעם טאג אן נוט געהיט.

אמאל האט דער בן־יחיד פון דער דאמע, א גרויסער שטיפער, צוגעבונדן א בלעכערנע פושקע צו דעם קינגלאכן ווידל, די קאץ האט זיך ארויסגעריסן פון די הענט פון קליינעם אמעריקאנער און האט זיך באמיט צו באפרייען, מרוטשענדיק פיינטלאך—איידער די־ אינגל האט עפעס פארשטאנען, האט זיך די קינגין אנאסטאלאן, באלייריגט ביז איר קינגלאכע בלוט, א ווארף

געטאָן מיט אַרויסגעשטעקטע נעגל אויפן שטיפּער. ס׳איז געקומען די מוטער און ווען זי האָט דעריזען די שרעקלאַכע פּנים, האט זי אַ וואָרף געטאָן אַ בוך אין דער קאַן...

דער אינגל איז אַרויסגעלאָפן מיט אַ געוויין — און די קאַץ האט דערווייל אויסגענוצט די אָפענע טיר — און האט זיך אַ לאָז געטאָן אויף די שטיגן, נאטירלאך אין דער הויך.

אַז מ׳יאגט אַ שטשור אנטלויפט ער אַלע מאָל פון די טרעפּ אַראָפּ, אַ הונט לויפט איבערן טאָל פאַראויס און אַ קאַץ אַלע מאָל ארויף. מיזיע איז ארויפגעלאָפן, ווי הויך זי האט נאר געקענט און דאָ האָט זי זיך באהאלטן אין דעם טונקלסטן ווינקעלע פון בוידים, וואו קיינער האט איר ניט געקענט געפינען. דאָ האט זי צוגעווארט ביז דער נאַכט. ווען ס׳איז געוואָרן גאָר שטיל אין שטוב, האָט מיזיע פּאַמעלאך ארויסגעקראָכן און האָט אַזוי לאַנג געזוכט, ביז זי האָט געפונען אַ שפּאַרונע אין טיר, און אַ פינסטערע אלול-נאַכט איז זי ארויס אויף דער וועלט. אַ מענש וואָלט שוין גאָר ניט געקענט זען אין אזאַ נאַכט, פאַר אונזער קאַץ אָבער איז נאָך געווען גענוג ליכטיק. זי איז צוגעפאַלן צו דעם גאָרטן, האָט איבערגעשפּרונגען די שיינע קלאָמבן, זיך אָפּגעריבן אָן איר באַליבטן רויזנקוסט און איז אַרויסגעלאָפן אויף דעם וועג, מיט וועלכן זי איז אַהער געקומען אין פרילינג. ווי אַזוי זי האָט געפונען דעם וועג, וועלכן זי האָט קיינמאָל ניט געזען איז אומפאַרשטענדלאך פאַר אַ מענשן. עס האָט איר ווי עס ווייזט אויס

געפֿירט אַ חזיר, וועלכן עס פֿאַרמאָגן אַלע חיות, וואָס זײַנען אויף דער פֿרײַ.

דער אינערלאַכער חזיר פֿון אונזער קאַן, האָט זי איצט געפֿירט אויף מערב — דער וועג איז געווען אַ גלײַכער און אין איין שעה האָט זי אָפּגעמאַכט 2 קילאָמעטער. אויפֿן וועג פֿלעגט זי דערקענען גערובן, וואָס פֿלעגן דערגייַן צו איר נאָז בעת איר רײַזע אויפֿן וואָגן. זי וואָלט געוויס ניט געקענט דערקלערן, וואָס פֿאַרא גערובן דאָס זײַנען געווען—דערקענט אָבער האָט זי אין זיי עפּעס באַקאַנטעס און דערפֿון האָט זי זיך געריבטעט.

דער פֿירנדיקער חזיר האָט איר דיקטירט:—„לויף דורך דאָרטן"—און דער גערוך האָט צוגעשטימט „אַזוי, גוט—געדענקסט, אַז דורך דאָרטן זײַנען מיר אַ מאָל אין פֿרילינג אַדורכגעפֿאָרן"?

זי האָט אָנגעטראָפֿן אַ טײַך און דאָ האָט זי זיך באַגעגנט מיט דער באַלאַניע. אויף מערב האָט זי שוין ניט געקענט לויפֿן—זי וואָלט אַרײַנגעפֿאַלן אין טײַך—צוויי וועגן זײַנען פֿאַר איר געבליבן: אויף דרום אָדער צפֿון, דער פֿירנדיקער חזיר האָט איר ווידער געזאָגט—„גיי אויף דרום"—און די קאַן האָט זיך געלאָזט לויפֿן אין דער לענג פֿון טײַך צווישן דער באַלאַניע און דעם פּלויט, וואָס האָט אַרומגעצוימט אַ גאָרטן.

מיזיעס דריטעס לעבן.

קעץ קענען זייער שנעל אנטלויפן און ארויפשפרינגען אין איין אויגנבליק אויף א בוים אדער אויף א הויכן מויער. יוען זיי האבן אבער א לאנגן און שווערן וועג לויפן זיי אזוי ווי הינט.

מער ווי צוויי קילאמעטער האט מיזיע ניט געקענט אדורכלויפן אין א שעה. זי האט זיך געפילט אויך אזוי מיד, אז ציטנווייז האט זי ניט געקענט גיין—דערפאר האט זי באשלאסן זיך אפרוען. דערווייל האט זיך באוויזן הינטערן פלויט א הונט.

די ארימע מיזיע האט געמוזט ווידער אנטלויפן—זי האט זיך שוין געיאגט מיט די רעשט כחות פלוצלונג איז פון דער צווייטער זייט פלויט אנגעלאפן א הונט, ניט אויפהערנדיק צו בילן.

א, ווען זי קען זיין זיכער, אז דער הונט פון אונטערן פלויט קען איר גאר ניט טאן, וואלט זי זיך צוגעזעצט אויף א רגע. דער שרעק האט איר צוגענומען כח. א ווײַלע האט זיך איר אויסגעדוכט, אז דאס בילן הערט שוין אויף—און פלוצלונג איז עס ווידער געווארן העכער—אמתע דונערן און בליצן. מיזיע האט זיך דערשראקן. מיט אמאל האט זי דערזען א גרויסע מאדנע חיה. ניין, דאס האט ניט געקענט זיין קיין הונט—דאס איז עפעס אן אנדערע ווילדע חיה מיט גרויסע רויטע

אויגן, וואס האט געיאָגט זיך, פּײַפנדיק, שרײַענדיק און וואיענדיק.

די קאַין וואלט גערן איבערגעשפּרונגען דעם פּלויט, דאָרט אָבער פון' דער צווייטער זײַט איז איר אנדערער שונא, דער הונט, זי איז געלאפן אזוי שנעל, ווי נאָך קיינמאל אין לעבן— אומזיסט אָבער—די ווילדע חיה האָט איר שוין דעריאָגט און צו איר גרויס פּארוואונדערונג איז עס פּארבײַגעלאָפן מיט אַ בליץ־שנעלקײַט.

סוזיע האָט זיך אָפּגעשטעלט איבערראַשט. דאָס, וואָס זי האָט געזען איז געווען פרעמד פאַר אירע אויגן און באַקאַנט פאר איר נאָז מיטן ריח. ווי ס'ווײַזט אויס האָט דער וועג געפירט אין פאטערלאנד. סוזיע האָט פרײַנדלאך אַ קוק געטאָן אויף די רעלסן, אויף וועלכע ס'איז געלאָפן די שרעקלאַכע חיה און האָט אויפגעהערט מורא צו האָבן: זי האָט זיך באַקוועם אפּגערוט אונטער אַ פּלויט, ווי זי וואָלט וויסן, אַז דער ריז וועט איר שוין ניט דעריאָגן. אַזוי איז זי אַפּגעזעסן ביזן אָוונט. דער הונגער האָט זי געקלעמט, פאַר די גאַנצע צײַט פון דער רײַזע האָט זי געפונען נאָר וויין־מײַזל זי האָט זיך אומגעקוקט און האָט דער־שמעקט דעם גערוך פון א שטאַל, שנעל האָט זי אים געפונען און אַרומדרייענדיק זיך ארום דעם שטאַל האָט זי געפונען אַ סך שטיקלאַך עסן. דער גאַנצער הויף האָט איר דערמאָנט אירע היימישע ווינקעלאך—זי וואלט דאָ אָבער בשום אופן ניט גע־בליבן, ווײַל פון איר באַהעלטעניש האָט זי דערזען צוויי הינט

און א פּאָר קלײנע אינגעלאך, פאַר װעלבע זי האָט געציטערט מער װי פאַר הונגער.

זי האָט זיך װידער געלאָזט אין איר װעג אַרײַן צװישן פלױט און רעלסן. א צוג נאָך א צוג איז פאַרבײַגעלאָפן לעבן איר, געװעקט האָט עס שױן איצט אין איר ניט שרעק נאָר מוט און האָפענונג צו זען אין גיכן די שטאָט.

אַזױ פלעגן פאַרבײַ טעג נאָך טעג. נײַע אײַנדריקן: הינט, קינדער, דונערנדע צוגן, הונגער, אַמאָל אַ סױז אָדער א פױגל, אמאָל אַ מיסטקאַסטן—אָט דאָס זײנען אַלע בײזע אײַנדרוקן פון דער קאַץ. עס האָט זי געטריבן אין אױפהער פאַראױס אױף הרום, װען זי פלעגט אַראָפגײן א מאָל פון װעג, פלעגט איר דער חוש, צוריק אױף אים ארױפפירן און זי איז װײטער געלאָפן.

אַ װאָך איז פאַרבײַ—די קיניגין אַנאַסטאַלאַן איז נאָך אַלץ געװען אין װעג—צײטנװײז פלעגט זי דערשמעקן א היימישן ריח, ער פלעגט איר שטופן צו דער װײַטערדיקער רײַזע, צוגעבנדיק מוט און אונטערהאלטנדיק די קרעפטן, יע. דאָס איז געװען װירקלאַך, דער געדיך, װאָס זי האָט געדײנקט פון איר פרילינגס-רײַזע מיט דער הערשאַפט פון דער „פינפטער אלעע“.

X.

מיד, פארמאטערט, אויסגעהונגערט איז זי ענדלאך צו־געקומען צום ברעג, וואס האט געפירט קיין ניו־יארק. עס האט איר געצווינגען אויפן ברעג זייער אן אנגענעמער ריח, און דאך איז איר דער בריק ניט געפעלן געווארן—אליין איז איר פרעמד גע־ווען: שטיינער, מענשן, הינט און פאר אלין פלעגט זי אזוי מורא האבן. זי פלעגט זיך באהאלטן ביזן אוונט, און נאר פארנאכט פלעגט זי ארויסגיין אויפן שפייז מסחר. א פאר מאל פלעגט זי זיך דערווייטערן פון ברעג און ווידער צוקומען, ניט וויסנדיק נעגוי אין וועלכער זייט צו גיין.

שפאצירנדיק אזוי אויפן ברעג, האט זי דערזען פון ווייטנס די באקאנטע רויזיקע בילנדיקע חיה: זי איז געראדע געזעסן אויף א זייטיקער בעלקע, קוקנדיק אויף דעם אלטן באקאנטן מיט צופרידנקייט. זי האט פאר אים גאר ניט מורא געהאט, זי האט גוט געוואוסט, אז דער נארישער ריז וועט זי ניט געפינען און וועט ווייטער פארן. דערווייל איז פון דער צווייטער זייט אנגעפארן פונקט אזא ריז און איז ווידער געלאפן אויפן ברעג, פייפנדיק און שרייענדיק. דערשראקן איז מיזיע געלאפן צום ברעג איבער די פרייע רעלסן און געוויס וואלט זי צוגעלאפן, ווען זי וואלט ניט דערזען ווידער א דריטן לאקאמאטיוו, וואס האט זיך דער־נענטערט צום ברעג. די לאגע איז געווען אן אן אויסגאנג—איין

רעטונגס מיטל איז איר געבליבן—דער טײַך. ניט קלערנדיק לאַנג, איז די קיניגין אַנאַסטאַלאַן אַרויפגעשפּרונגען אויף דעם פּאַרענטש פון בריק און פון דאָרטן גלייך אין וואַסער—אין דעם טיפן, נאַסן טייך. דאָס וואַסער איז ניט געווען קאַלט—דערפאַר אָבער אַזוי שרעקלאַך! מיזיע איז מיטן גאַנצן קאָפּ אַריין אין טייך—אָט האָט זי דאָס געהיסט און געשפּיגן, ווען זי איז ענדלאַך אַרויפגעשוואומען! זי האָט זיך קיינמאָל ניט געלערנט שווימען—עס איז איר אָבער לייכט געגאַנגען. איצט אָבער האָט זי ניט געוואוסט אויף וועלכן ברעג אַרויפצושווימען. די בײנקשאַפט נאָכן היים האָט זיך אין איר ווידער דערוועקט און האָט איר געפירט צום היים ברעג.

אַרויסקריכנדיק פון וואַסער, האָט זי זיך אָפּגעשאָקלט און מיט גרויס מי איז זי ענדלאַך ווייטער געקראָכן דורך דעם זומפּיגן ברעג—דערנאָך איבער סטויגן פון קוילן-נאַס, שמוציק שוואַרץ און גאָר ניט ענלאַך צו איר קיניגלאַכן מאַיעסטעט אַנאַסטאַלאַן.

ווען דער ערשטער שרעק איז פאַריבער, האָט זיך מיזיע דערפילט נאָכן צוואַנגסבאָד גאָר אויסגערוט און אָפּגעפרישט. און אַ ווײַלע אַרום איז איר געוואָרן ווידער וואַרעם,—דערצו האָט זי דערפילט אַן אַנגענעמען געפיל פון נצחון, וואָס זי האָט אָפּגעהאַלטן איבער די דריי הינט.

זי האָט ווידער ניט געוואוסט, אין וועלכער זייט זיך צו ווענדן. דער נאָז אין די ערינערונגען האָבן איר אָנגעוויזן אויף

די באַלקאָניע, דאָרט אָבער האָבן איר אין איינפּהער געדראָט די אייגאַרטיקע שרעקליכע חיה, זי האָט באַשלאָסן צו בלייבן ביים ברעג און מיטן לינקן ווייטער צו גיין. זי האָט גליקלאך אויסגע- מיטן אַ טונעל, וועלכער האָט דורכגעהאַקט די באַלקאָניע.

דריי טעג האָט זי געבלאָנדזשעט אין אַן אומבאַקאַנטן געגנט. אַ מאָל איז זי אַרויף עפּעס אויף אַ שיף, וואָס איז געגאַנגען פון ניו-יאָרק אויף אַן אינזל — נאָר מיט אַ צווייטע שיף האָט זי זיך שנעל אומגעקערט, נאָך לאַנגע מי איז זי ענדלאַך געקומען אין דעם וועלבן אָרט, וואו זי האָט פאַרבראַכט אַ נאַכט נאָך איר ערשטן אַנטלויפן. פון דאָרטן האָט זי שוין גוט געקענט דעם וועג.

שנעל האָט זי זיך געלאָזט פאָראויס, איינגעריגם פון דער האָפנונג צו זען איר היים, און איר קאַסטן, וואו זי וועט קענען אויסציִען זיך און אָפּרוען. אין אַ פּאָר שעה אַרום איז זי שוין געווען ביי די אַלטע הייזער.

וואָס איז דאָס אָבער געשען? דאָרט, וואו עס זיינען געשטאַנען די הייזער, און וואו עס דאַרף זיך געפינען רושאָפּ מאַלעס פויגל- קראָם, זיינען בלויז חורבות, איבערגעדרייטע בעלקעס און לעבעדי אין דער ערד. זאָל אונזער קעצעלע אַ טעות האָבן? עס קען נישט זיין — זי דערקענט אויסגעצייכנט דעם גערוך פון שטיינער, אויף וועלכע זי האָט פאַרבראַכט אַ שטיק לעבן — זי האָט דערקענט דעם גערוך פון קעלער. ס'האָט זי ניט געקענט בשום אופן נאָרן די בינקשאַפט נאָך איר לאַנד און דער צוטרוי צו איר

געבורטסארט! די ליבעצים ארט, וואו זי האט זיך אויפגעהאדעוועט, האט אלץ באזוינט.

אָרעמע קעצל! אזוי פיל האט זי מקריב געוועזן, אזוי פיל אויסגעליטן זוכנדיק איר טייערע היים—און דא געפינט זי בלויז חורבות! דאס הארץ האט איר אנגעהויבן צו קלאפן פאר שרעק און צער. אומבאהאלפן האט זי געקלעטערט איבער די צושאָטענע שטיינער, און אין ערגיץ ניט געפונען ניט קיין טראָפּסט און ניט קיין שפּייז. אויף דער גאנצער גאס ביזן ים בלויז חורבות, בעלקעס און שטיינער! מיזיע האט ניט פארשטאנען די סיבה דערפון. דאס האט ניט געשטאמט פון קיין פייער—עס האט ניט געשמעקט מיט רויך. מיזיע האט גוט געקענט דעם גערוך פון פארברענטן האָלץ. עס האט זיך ניט געלוינט אזוי פיל אריינצוקלערן—פון וואנען האט געקענט וויסן אן אָרים שוואך קעצעלע אז פונקט דא דארף זיין אדורכגעפירט א נייער בריק און טאקע צוליב דעם האט מען חרוב געמאכט אלע הייזער.

אויפן אנדערן טאג האט זיך מיזיע גענומען צו זוכן אויפסניי; זי האט אריינגעקוקט אויף א שכנותדיקן הויף און דא האט זי צום גליק דערזען אן אלטן מיסטקאסטן. דא אבער האבן זיך ארומגעדרייט אזוי פיל קעץ, אז נאר מיט א שווערן קאמף וואלט מען געקענט עטוואס דערווערבן פאר זיך.

ווי ס'ווייזט אויס איז דער גורל פון די קעץ ניט געווען גרעסער פאר אירן דאס הייסט צוזאמען מיטן צושטערונג פון הייזער

זײַנען זײַ אויך הײמלאָז געוואָרן. הונגער האָט דאָ געהערשט אומעטום. ווען ס'פלעגט זיך באַווײַזן פון אַ נאָנטע הויז אַן עמער מיט שמוציקע וואַסער, איז עס גלייך באַלאַגערט געוואָרן דורך קעץ.

מיזיע האָט געזען, אַז דאָ איז ניטאָ מער וואָס צו טאָן. קודם-כל איז זי אַוועקגעלאָפן אויף דער פינפטער אַלעע, אין הויז, וואו זי איז געווען געשעצט און געליבט — ווי אַ קיניגין. דאָס הויז איז פוסט געווען, ווײַל די הערשאַפט אירע האָט געוווילט אויפן פרישן לופט. בײַם טויער איז געשטאַנען אַ שווייצער אין אַ בלויע ליווערייע מיט גאָלדענע קנעפּ, ער האָט באַגריסט איר קיניגלאַכע מאַיעסטעט גאָר ניט פרײַנדלאַך. זי האָט זיך צוריקגעקערט אויף איר אַלטן מיסטקאַסטן און האָט געקעמפט מיט די איבעריקע חברים פאַר איר טעגלאַכן ברויט. יונג איז זי געווען און פול מיט לעבן — דערפאַר פלעגט זי שטענדיק זײַן.

פאַר דער גאַנצער צײַט האָבן זיך פיל מענשן געדרייט בײַם מויער; ס'האָט געלייגט אַ פונדאַמענט פאַר אַ בריק און אַ הויכן הויז. מיזיע האָט זיך צוגעקוקט פאַרוואונדערט. ענדלאַך איז אויפגעשטיגן אַ נײַע הויז און אין אַ שײַנעם פרימאָרגן האָט מיזיע דערזען מיט גרויס פרייד אַ נײַעם עמער, וואָס ס'האָט אַרויסגעשטעלט אויפן גאַס. זי האָט זיך גלייך צוגערוקט צום עמער. צום אומגליק אָבער איז אין עמער געווען בלויז אַש.

דאָך איז זי ניט אָפּגעטראָטן פון עמער, זי האָט אים אַרומגע־שמעקט פון אַלע זייטן.

באַזונדערס לאַנג האָט זי זיך פאַרהאַלטן בײם הענטל פון דעם עמער—זײן גערוך איז מיזיען באַקאַנט געווען.

פלוצלונג איז געקומען נאָבן עמער אַן נעגער אין אַ בלויען שירץ פון אַ הויז־היטער.

דער זעלבער גערוך, וואָס בײ דעם עמער האָט אָפּגע־שטעלט די אויפמערקזאַמקײט פון דער קאַץ. זי האָט זיך לאַנג ניט צוגעקוקט צו דעם נעגער, זי איז אָפּגעשפּרונגען אין אַ זײט, דער נעגער איז געבליבן שטײן איבערראַשט. ער האָט איר אָנגעהויבן צו רופן.

ציצי־ציצי—דאָס איז דאָך אונזער קינגלאַכע מאַיעסטעט אנאַסטאַלאַן—פיס—מיזיע, קום מײן אָרים קעצעלע. פון וואַנען קומסטו? ביזט מסתמא שטאַרק הונגעריק?

— פרעגט זיך נאָך, צי מיזיע איז הונגעריק? מיר ווײסן שוין ווי די קאַץ נעבאָך האָט געהונגערט די פּאָר חדשים.

זי האָט געהערט אָבער זי האָט ניט געוואָלט זיך צו רירן. מסתמא האָט זי אויך דערקענט דעם נעגער, וואָס האָט—זי אַ פּאָר מאָל געראַטעוועט פון טויט. זי האָט אָבער מורא געהאַט צוצוגיין צו אים. דאָס איז אַוועק און אין אַ ווײלע אַרום איז ער געקומען מיט אַ טײל פון זײן פרישטיק אין דער האַנט.

— אהער, אהער, מיזיעלע, קום, קום, איך וועל דיך אנקארמענען.

ס׳האט אבער גאר ניט געהאלפן. מיזיעלע האט געקוקט מיט גרעמזעלבן אומצוטרוי—אנטלאפן איז זי אבער ניט. דער נעגער האט אוועקגעלייגט א שטיק פלייש אויפן שטיין און האט זיך אפגערוקט צו דער טיר. די קאץ האט א שפרונג געטאן געכאפט דעם פלייש און מיט דעם אנטלאפן אויפן שוועל פון הויז און דארט האט זי דאס אויפגעגעסן.

XI.

מיזיעלעס פערטעס לעבן.

פון דעם טאג אן האט זיך אנגעהויבן א בעסערער לעבן פאר מיזיעלען. ווי נאר איר פלעגט הונגערן, פלעגט זי צוגיין צו די טיר פון נייעם הויז און יעדן מאל פלעגט זי באקומען פון נעגער א געשמאקע שטיקל. שמעגנדיק פלעגט זי זייער פאר-זיכטיק עסן איר פרישטיק, מיט יעדן טאג אבער פלעגט זי פילן

מער צוטרוי צו דעם שוואַרצן מענטשן. עס האט איר ווירקלאך געוואונדערט, ווייל דאס איז געווען דער ערשטער מענטש, וואס האט איר באמת פאַרשטאַנען, איר איינציקער פריינד, און דאס געווען, א גאַנצע וואך איז זי אַזוי גליקלאך געווען! זיבן טעג נאָכאנאנד האט זי געהאט געשמאַקע און זאַטע מיטאגן, צום סוף האט זי נאך געפונען אַ טויטן שטשור. דאס איז שוין געווען דער צווייטער פאל, וואָס זי האט געכאפּט א שטשור, זי האט געזוכט אן ארט, וואו אים צו באהאלטן אויף שפּעטער, איצט איז זי זאַט געווען. ווען זי האט זיך שוין צוגעגרייט צו אנטלויפן מיט איר אוצר, האט זי דערזען איר אלטן פיינט, דעם גרויסן האָפּנהונט. שנעל איז זי צוגעלאָפן צו דער טיר, וואו ס'איז געשטאַנען איר איינציקער פריינט—דעם נעגער. זי האט שוין פאר אים ניט מורא געהאט—פאַרקערט זי האט געזיכט זיין שוץ, פונקט דאמאלסט האט דער נעגער געעפנט די טיר און זיין נייער באַלעבאָס איז ארויס. ביידע האבן זיך צוגעקוקט צו דער קאַץ, וואס האט געטראָגן דעם שטשור.

— וואס פאר א אויסגעצייכנטע קאַץ דאס איז!—האט זיך אפגערופן דער הער.

— דאס איז מיין קאַץ, שטענדיק כאַפּט זי שטשורעס; איך זאג אייך—זי איז אַ מזיק אויף זיי. שטענדיק יאגט זי זיי נאך. דערפאַר איז זי אַזוי מאגער.

— ווירקלאך!—האט זיך אפגערופן דער הער—ס'מוז זי

בעסער דערנערן! סאם, געדיינק דערפון.

— גוט, גנעדיקער הער—און אפשר זאל מען אפמאכן מיטן לאמען פייוול. וואס פאר א בארייטונג האט א פערטל דאלאר א וואך.

—זאל זיין אזוי—כ'וועל שוין באצאלן—האט געזאגט דער באלעבאס און איז אריין אין שטוב.

XII.

— מילך! ליעבער!—רופט זיך אפ די שטימע, וואס איז גוט באקאנט אלע קעץ—און א נייער עולם קעץ רינגלט ארום דעם וועגעלע פון לאמען פייוול.

ווייסע, געלע, שווארצע, ברוינע און גרויע שפארן זיי זיך צום וועגעלע און פייוול מוז גוט אויסרעכענען און געדיינקען זייערע באלעבאטים און באלעבאסטעס! ארומגערינגלט מיט דער מיאוטשענדער געזעלשאפט איז דאס וועגעלע געבליבן שטיין ביי א נייעם הויז.

— אוועק פון וועג, ליידאקעס,—רופט פייוול, אפטרייבנדיק

מיט א גראבן שטעקן אלע אנדערע חיות און רופנדיק דארט אן אויסגעקליבענע מיזיעלע מיזיעלע ציץ-ציץ-ציץ—עס ערשיינט א גרויע קאץ און שווארצע מיט ווייסע פלעקן אויף די אויערן, נעזעלע און וויידל—קוקט זיך אומרואיק אום און גייט צו צום וועגל.

פייוול ווארפט איר דעם גרעסטן שטיקל לעבער, זי לויפט אוועק, באהאלט זיך אין א זיכערן ארט, אונטערן מויער פון דעם גרויסן הויז, אזוי חזרט זיך דאס איבער אלע טאג אין דער-זעלבער שעה.

מיזעלע איז גליקלאך. ניט נאר עס פעלט איר ניט אויס קיין עסן—זי לעבט זיך פריי, קען ארייננשמעקן אין מיסטקאסטן, אין די עמערים מיט פאמאיעס, קען אפילו ווארפבייטשיקעס כאפן. דאס געלינגט איר וואס אמאל בעסער. זי קען שוין איצט מיט אמאל א כאפ טאן— ווען זיי צוקריגן זיך צווישן זיך און באמערקן ניט אין היץ זייער שונא.

ס'האט אבער מער ניט געטראפן זי זאל כאפן א שטשור; ווען דער שווארצער נעגער געפינט ערגיץ א טויטן שטשור, ניט ער אים אוועק דער קאץ, אדער ער לאזט ליגן דעם שטשור אין הויף הינטער די טירן פון זיין נייעם באלעבאס. דאמאלסט לייבט מיזיען דער באלעבאס און סאס פרייט זיך, אז דער באלעבאס האט ניט פארשטאנען דעם שפיצל.

— איך זאג אייך, גנעדיקער הער, אז זי האט אין זיך

קינינלאכע בלוט—דאָס איז דאָך אַ משחית פאַר די שטשורעס.

XIII.

חדשים נאָך חדשים, יאָר נאָך יאָר זיינען פאַרביי. מיזיעלע האט געלעבט רואיק און גליקלאך. פאַר דער צייט האט זי אַ פּאָר מאָל געהאַט קינדער, קליינע ליבע באַשעפעניש'ן—צום מערסטן אָבער פלעגן זיי אומקומען אזוי אומגליקלאך ווי אירע ערשטע. מיזיעלע איז נאָך אַלין געוועזן אזוי שיין, זי פלעגט אָפט צוציען די אויפמערקזאמקייט פון „פאַרביי־גייער. נימ איינער האט זי געוואָלט קויפן.

דער נעגער סאם האט איר וועגער ליבגעהאט, ער האט זיך אבער געלאָזט איינרעדן און האָט זי פאַרקויפט. און אפּאָר טעג אַרום האָט זי זיך צוריקגעקערט און ער האט באשלאָסן ניט אתעקצוגעבן זי מער פון שטוב.

מיזיעלע האט אים געצאלט מיט דער זעלבער ליבע און צוגעבונדנקייט. מיטן לאַמען פוּס איז זי אויך געוועזן באַפריינדעט און זיין קול האָט זי שוין אזוי גוט געקענט, אַז הערנדיק אים נאָך

פֿון ווייטנס, פלעגט זי ארױפּשפּרינגען פֿון דעם ערשטן שטאק אויף דער גאס. און ווען זי איז אמאל געווען פֿארשלאָסן אין שטוב האט זי אליין אפּגערוקט מיטן פּיסל דעם פֿאררוקער, האט זיך אױפגעמאכט די טיר און איז נאך צו דער צייט געקומען צו דעם װעגל מיט לונגען.

מיזועלע לעבט נאך, זי איז נאך אלײן פרײלאך. קײנער װאלט אין איר ניט דערקענט די אומעטיקע קיניגין אנאסטאלאן, די באַוואוינערקע פֿון דער „פינפטער אלעע". דעם לעבן פֿאר־ברענגט זי אויף איר היימישער גאס, איר גרעסטער פֿארגעניגן איז קלעטערן בין השמשות איבער גאסן, הײזער און דעכער.

זי זעט נאך אליין אוים, ווי א קיניגין, זי איז אמת שטענדיק, א קליינע, שמוציקע, דערפאר אָבער פרייע און גליקלאכע קעצעלע־מיסטקלײבערקע.

ביאליסטאקער פארלאג „דאס בוך“.

ס'איז ארויס פון דרוק:

1 יעקב פאט. משה (צווייטע אויפלאגע)
2 " יריחו
3 " גדעון
4 " יפתח
5 " שמשון
6 סאניע קאנטאר. אין דער מלוכה פון מוראשקעס און שוואמען.
7 טאמפסאן-סעטאן. ווילבערלעך, א געשיכטע פון א קרא. איבערזעצט דורך סאניע קאנטאר.
8 " לאבא, דער קיניג פון קירומפא
9 " בינגא, א געשיכטע פון א הונט
10 " קיניגין אנאסטאלאן, א געשיכטע פון א קאץ.
11 " דער צוריסענער אויערל, א געשיכטע פון א האז.
12 " וואולי דער שעפסנהונט
13 " דער גאסן-יונגער, א געשיכטע פון א וואראבײ
14 " מוסטאנג דער פאסנייער
15 " יאבים-בער
16 " דער ווילבערגער פוקס
17 ר. קיפלינג. דער קליינער העלפאנד
18 " ווי אזוי דער לעמפערט האט באקומען פלעקן אויף זיין הויט.
19 קאראלענקא און א לשון, איבערזעצט פון פבת קאפלאן
20 קוק און פירי די אנטדעקונג פון געהיימען פאל, איבערז. פון קאמינקאווסקי.
21 ס. מעטש א מעת לעת אויפן איגול צוילאן, איבערזעצט פון ז. גראסמאן.

ס'דרוקט זיך:

22 פאוקין ווי אזוי האט מען געבויט הייזער אמאל און היינט
23 ס. מעטש באבארא
24 נעמטאווע די אינטערעדישע בהמות
25 טימאנדיע די באדעריער פון דער וויסנשאפט
26 י. גאררוי פ. לאסאל (ביאגראפיע)
27 לאגערלויף א רייזע איבער געגנט

ס'גרייט זיך צום דרוק:

28 דיקענס דאמבי און זון
29 — דאביניא קרוזא
30 ביטשער סטאו אנקל טאמס קאבין
31 בעלשע דער ווילדער מענש

מיט באשטעלונגען ווענדן זיך
Bialostockie Wydawnictwo „Książka"
Białystok, ul. Sienkiewicza № 19.
Drukarnia Prużańskiego Białystok.